STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05045

DER GEREKHTER HERSHER

J. F. Rutherford

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Miriam Mazor
in honor of
her father Sidney Dushman's 90th birthday

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער גערעכטער הערשער

דערקלערט אין

צוויי ביבלישע אָפּהאַנדלונגען

פון

דזש. פ. רוטערפאָרד.

"Righteous Ruler"
Yiddish

פאָרוואָרט — —	3
וועלט-הערשאַפט	7
אַנטלויפט איצט	27

דידאָזיקע קרעפטיקע, פאַרכאַפנדיקע בשורה, וואָס איר וועט אין דעם ביכל לייענען, איז געוועזן באַגריסט מיט פרייד און ליב אין אַווסטראַליע, זיד-אַפריקע, אייראָפּע, וועסט-אינדיע און דעם צפון-אַמעריקאַנעם קאָנטינענט, וואו דאָס איז געהערט געוואָרן דירעקט דורך אַן אומגעהייערער טראַנסקאָנטינענטאַלער ראַדיאָ-קייט, און דורך אַ וועלט-אַרומכאַפנדיקע קורץ-כוואַלעדיקע טראַנסמיסיע.

פאָלגלעך וועט די דערשיינונג פון דעמדאָזיקן ביכל ווערן מיט פאַרגעניגן באַגריסט פון מאַסן ראַדיאָ-צוהערער. אייך, און אַלע מענטשן פון גוטן ווילן, וועט דאָס זיכער געפעלן און איר וועט געניסן נוצן פון דעם.

COPYRIGHTED 1934

AND PUBLISHED BY

WATCH TOWER
BIBLE AND TRACT SOCIETY

International Bible Students Association
Brooklyn, New York, U. S. A.

Made in United States of America

אָפּטיילונגען:
לאָנדאָן, מאַגדעבורג, פּאַריז, טאָראָנטאָ, סטראַטפילד, קעיפּ טאַון, בערן, קאָפּענהאַגען, סטאָקהאָלם, און אַנדערע שטעט.

פאָרוואָרט

אַ גערעכטער הערשער איז די ערנסטע גאַרונג פון אַלע ערלעכע מענטשן. נאָך פילע יאָרהונדערטער פון פאַרזוכן מצד דעם מענטשן אויפצובויען אַן אידעאַלע רעגירונג איז דורכפאַל דער נעטער רעזולטאַט, און די מענטשן זיינען אַנט־מוטיקט, צעטומלט און עלנט. ביי אַלע פעלקער האָבן די מענטשן געליטן צוליב די אומגערעכטע הערשער, און די־דאָזיקע ליידן זיינען ביי היינטיקן טאָג נאָך ערגער איידער אין די פאַרגאַנגענע צייטן. דאָס שפריכוואָרט, געשריבן מיט אַ סך יאָרהונדערטער צוריק, איז היינט פונקט אַזוי אמתדיק: „ווי אַ ברילנדיקער ליוב, און אַ ליאַרמענדיקער בער, אַזוי איז אַ פאַרברעכערישער הערשער איבער אַן אָרימען פאָלק. דער (הערשער) וועמען עס פעלט פאַרשטאַנד איז אויך אַ גרויסער אונטערדריקער. — משלי 28: 15, 16.

אַ חוץ עטלעכע אויסנאַמען האָבן די מענטשן פאַר־לאָרן די האָפענונג, ווען ניט איז צו האָבן אַ גערעכטן הער־שער און אַ געגאַרטע רעגירונג. דאָס פעלן פון האָפענונג ביי זיי איז מערסטן צוליב דער אָפּוועזנקייט פון זייער וויסן וועגן דער אורזאַך פון דער וועלט־נויט און צוליב זייער צעטומלעניש. אַ מאַן נעמט אָן אַ הויכן אמת אַלס הער־שער און איז מודיע די מענטשן, אַז ער „גלויבט אין אַ געט־לעכער פירונג", און די האָפענונג פון די מענטשן ווערט פאַר אַ צייט ווידער אויפגעלעבט; נאָר ווען זיי וואוינען־ביי דעם דורכפאַל פון דעם הערשער צו ברענגען גערעכטיגקייט, שלום און וואוילזיין, פאַרלירן זיי דעם גלויבן אין דעם מענטשן און אין גאָט. דער רעזולטאַט איז די פאַרגרעסערונג פון אומגערעכטיגקייט און פאַרברעכן.

זייט ניט געאיילט, ארויפצולייגן אויף די פלייצעס פון דעם אומפולקאָמענעם מענטשן די באשולדיקונג פאַר אַזאַ נויט־לאַגע. אַלע מענטשן מאַכן טעותים, ניט קוקנדיק אויף

זייערע גוטע כוונות. דאָס פעלן פון אַ ריכטיקער פאַר־שטענדעניש איז די אורזאַך פון אַ סך אַזעלכע טעותים מצד דעם רעגירנדיקן און מצד די רעגירטע. „וואו עס איז ניטאָ קיין זעאונג, קומט אום דאָס פאָלק” (משלי 18:29). אַ מענטש קאָן גרינג זאָגן, „איך פאַרלאָז זיך אויף געטלעכער פירונג אין דעם אויספיר פון רעגירונג־ענינים”, אָבער צו זיין געטלעך געפירט, איז אַ גאָר אַנדערע זאַך. גאָט פירט מענטשן מיט און דורך זיין וואָרט, וואָס איז פאַרצייכנט אין דער ביבל. „דיין וואָרט איז אַ ליכט פאַר מיינע פיס און אַ באַלייכטונג פאַר מיין שטעג. (תהלים 105:119) דער איינ־ציקער אופן, צו וויסן גאָטס צוועק, איז צו ווערן געלערנט פון זיין וואָרט. „די עלנדע וועט ער פירן אין וועג פון גע־רעכטיקייט”. — תהלים 9:25.

איר וועט געפינען אין דער ביבל, אַז גאָט דערקלערט קלאָר, פאַרוואָס די הערשאַפט פון דער וועלט איז אומגע־רעכט. בעסער פון אַלץ, איר קאָנט דאָרט דערלערנען, אַז גאָט יהוה איז דער גערעכטער, וויזער און ליבנדיקער גאָט, און אַז אינגיכן, דורך זיין גנאָד, וועט קומען דער סוף פון אומגערעכטער הערשאַפט, און די הערשאַפט פון גערעכטיקייט וועט פאַרנעמען איר אָרט און וועט פאַרגעזעצט ווערן אויף אייביק. דאָרט איז פאַראַן, אין אייער מעגלעכקייט דאָס צו דערגרייכן, דערדאָזיקער גרויסער אוצר פון ניט־אָפּשעצבאַרן וויסן, און דאָס דערגרייכן פון דעמדאָזיקן וויסן וועט אייך ברענגען אַ רואיקן געמיט און צופרידנקייט אריבער דעם באַשרייבן פון מענטשלעכע ווערטער.

דאָס וואָס פאָלגט אין דעמדאָזיקן ביכל איז ארויסגע־געבן געוואָרן צוליבן איינצעלנעם צוועק, צו מאַכן מעגלעך פאַר אייך, צו געפינען אין דער ביבל, וואו די דאָזיקע אמתן זיינען פאַרשריבן, און צוזשטעלן ביי זייער זייט די פאַקטן, שוין באַקאַנטע פאַר אייך, און דורך דעמדאָזיקן אופן צו דערגרייכן אַ גערעכטן און פאַסיקן באַשלוס. דידאָזיקע אמתן וועלן אייך באַווייזן, הינטער יעדן צווייפל, אַז אַ גרויסער איבערבייט אין וועלט־ענינים איז איצט אין גאַנג, און אַז אין משך פון אַ קורצער צייט וועלן די ענינים פון מענטשן אויף

אונדזער ערד געפירט ווערן אין א שטרענגער גערעכטיקייט, ברענגענדיק צו אלע ערלעכע מענטשן זייערע אויפריכטיקסטע הארץ־פארלאנגען. צו דערגרייכן איצט דאסדאזיקע וויסן, איז פון דעם גרעסטן ווערט פאר אייך, ווייל ווען אזא וויסן און אונטערריכט ווערט נאכגעפאלגט, נאכדעם ווי מען דער־גרייכט עס, וועט איר געפירט ווערן פון געטלעכער חכמה. „גליקלעך איז דער מענטש, וואס דערוועררבט חכמה, און דער מענטש, וואס באקומט פארשטאנד". — משלי 13:3.

לערנט פון די נאכפאלגנדיקע זייטן, ווי אזוי אין משך פון א קורצער צייט וועט די וועלט ווערן קאנטראלירט, און, לערנענדיק דאס, וועט איר אויך אויסגעפינען, אז דער איבער־בייט וועט ווערן באגלייט מיט די גרעסטע אנגסטן, וועלכע די וועלט האט ווען ניט איז געזען. איר וועט גערן צו וויסן, וואס פארא וועג איר זאלט אויסקלייבן, און אין דעמדאזיקן ביכל וועט איר געפינען אנגעוויזן דעם באשטימטן וועג פון רעטונג, און אז איצט איז די ריכטיקע צייט, צו אנטלויפן אין דעם איינציקן ארט פון זיכערקייט.

וועלט־הערשאַפט

(דורך דער אינטערנאַציאָנאַלער ראַדיאָ־פאַרבינדונג פון לאָס אַנגעלעס, 25 מערץ 1934. רעדע, געהאַלטן פון ריכטער רוטערפאָרד.)

עס איז געווען מיין פּריווילעגיע פאַר די פאַרגאַנגענע עטליכע יאָר, איבערצוגעבן די מענטשן גאָטס בשורה פון אמת, ווי דאָס איז פאָרגעבראַכט אין דער ביבל, נוצנדיק פאַר דעמדאָזיקן צוועק די ראַדיאָ. דער אמת איז ניט פּאָפּולער, דערפאַר רופט ער ארויס אַ סך קעגנערשאַפט. ניינצן יאָרהונדערטער צוריק האָט גאָט אַראָפּגעשיקט ישוע אויף דער ערד, איבערצוגעבן זיין בשורה פון אמת. ישוע האָט געטריי דורכגעפירט זיין אויפטראָג און איז געהאַנגען געוואָרן פאַר זאָגן דעם אמת. דער אמת וועט קיינמאָל ניט זיין פּאָפּולער, ביז וואַנעט עס וועט ניט זיין קיין פולשטענדיקער איבערבייט פון דער וועלט־הערשאַפט. איך בעט אייך, נאָכצופאָלגן אויפמערקזאַם איצט מיין רעדע, כדי איר זאָלט קענען נאָך מער פולשטענדיק באַגרייפן, פאַרוואָס עס איז פאַראַן אַזאַ גרויסע קעגנערשאַפט צום אמת, און וואָס איז דער איינציקער זיכערער און ריכטיקער דרך פאַר די מענטשן אַנצונעמען. די מענטשן פון גוטן ווילן דאַרפן איצט הערן, ווייל דידאָזיקע בשורה איז פאַר זייער ספּעציעלער הילף און טרייסט אין די איצטיקע טעג פון גרויסער וועלט־נויט. דאָס איז ניט די בשורה פון אַ מענטשן, נייערט די בשורה פון גאָטס וואָרט, איבערגעגעבן לויט זיין ווילן.

פריער וועל איך געבן די ביבלישע דעפיניציע פון „וועלט", און דאַן באַווייזן, ווער עס קאָנטראָלירט די וועלט און פאַרוואָס מוז אינגיכן פאָרקומען אַן איבערבייט פון דער וועלט־ממשלה. „וועלט" מיינט די פעלקער פון דער ערד, אָרגאַניזירט אין פאָרמען פון רעגירונגען אונטער דער אויפ־

זיכט פון אַן אומזעבאַרן כח און אויבערהאַר. דאָס וואָרט „הימל" ווערט אין דער ביבל געברויכט, כדי פאָרצושטעלן דעם אומזעבאַרן טייל פון דערדאָזיקער הערשאַפט; „ערד", ווי דאָס ווערט דאָרטן געברויכט, מיינט די זעבאַרע מאַכט, וואָס רעגירט; און עס איז „הימל" און „ערד" צוזאַמען, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די וועלט. די מענטשן פון גוטן ווילן זיינען יענע, וואָס האָבן אַן ערלעכן און ערנסטן פאַרלאַנג, צו זען אַז גערעכטיקייט און רעכטפאַרטיקייט זאָלן אַלץ קאָנטראָלירן, און אַזוינאָך זאָל געטאָן ווערן דער ווילן פון גאָט אויף דער ערד און אין הימל.

גאָט, וועמעס נאָמען אַליין איז „יהוה", איז דאָס העכסטע וועזן און דער קוואַל פון גערעכטיקייט און לעבן. ישוע המשיח איז דער זון פון גאָט, דער העכסטער אויספירבאַאַמטער פון יהוה, דער דערלייזער פון מענטשן, און דער וועלטס באַרעכטיקטער הערשער. שטן, דער טייוול, איז דער בייזער רשע, דער קעגנער פון גאָט, און דעם מענטשנס גרעסטער שונא. אין משך פון יאָרהונדערטער איז דער שטן געווען דער אומזעבאַרער אויבערהאַר און קאָנטראָלירער פון דער וועלט. עס מוז זיין אַן איבערבייט פון שטנס הערשאַפט צו דער הערשאַפט פון ישוע המשיחן (יעזוס קריסטוס). דערדאָזיקער איבערבייט איז גאַנץ נאָענט און וועט פאָרקומען נאָך אין דעם היינטיקן דור. און איצט גיב איך אייך די באַווייזן, וואָס ווייזן, ווי אַזוי דער טייוול איז געוואָרן דער הערשער פון דער וועלט.

יהוה גאָט האָט באַשאַפן די ערד און האָט געשטעלט אויף איר דעם פולקאָמען מענטשן, און האָט געמאַכט דאָס גייסט־באַשעפעניש, היללן, דאָס הייסט דעם העל־לייכטנדיקן, וואָס ווערט אויך גערופן לוציפער, אַלס דעם אומזעבאַרן אויבערהאַר פון דער ערד. (ישעיה יד: 12—14) מיט לוציפערן זיינען געווען פאַרבונדן אַ סך גייסט־באַשעפענישן אָדער מלאָכים, וואָס האָבן פאָרמירט אַ טייל פון זיין אומזעבאַרער אָרגאַניזאַציע. לוציפער האָט רעבעלירט קעגן גאָט, יהוה; צו דעם אויפשטאַנד זיינען צוגעשטאַנען זיין מחנה מלאָכים; און דער מענטש איז דערפירט געוואָרן צו

געזעצלאָזיקייט און איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. אַזוי ווי די גאַנצע מענטשלעכע ראַסע איז אַרויסגעקומען פון דעמדאָזיקן איינציקן מענטשן, נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט געזינדיקט און איז געווען פאַרמשפּט צום טויט, דעריבער איז די גאַנצע מענטשהייט געבוירן געוואָרן אומפולקאָם. (רוימער ה:12) גאָט האָט פאַרביטן דעם נאָמען הילל אָדער לוציפער אויף דעם נאָמען טייוול, שטן, שלאַנג און דראַכן, און זינט דאַן האָט דער שטן און זיין מחנה פאַרדאָרבענע מלאכים געוועלטיקט איבער דער וועלט.

שטן האָט זיך געשטעלט קעגן גאָט און האָט אים אַרויסגערופן, צו ברענגען אויף דער ערד מענטשן, וואָס זאָלן זיין געטריי און אמת׳דיק צו גאָט. דעמדאָזיקן אַרויסרוף האָט גאָט אָנגענומען. כאָטש פאַרמשפּט צום טויט, איז דעם שטן און זיינע פאַרדאָרבענע מלאכים דערלויבט אויף אַ באַשטימטן פּעריאָד אָנצוגיין אומגעשטערט מיט דעם פאַרפאָלגן זייערע בייזע מעשים, ווייל גאָט האַלט זיך ביי זיין אייגענער געהעריקער צייט, צו האַנדלען קעגן זיי. בעת די מענטשלעכע ראַסע האָט זיך פאַרגרעסערט אויף דער ערד, האָבן אַנדערע מלאכים, וואָס זיינען געווען אינגאַנצן איבערגעבן צו גאָט, אָנגענומען די מענטשלעכע פאָרם און זיינען פאַרפירט געוואָרן פון שטן און זיינע געזעצלאָזע מלאָכים, צו מישן זיך מיט דעם מענטשלעכן מין און חתונה האָבן מיט די טעכטער פון מענטשן; און פון דערדאָזיקער פאַראייניקונג איז אַנטשטאַנען אַן אומגעווייַנלעכער אָפּשטאַם. נאָך דעם איז געקומען אַ צייט פון גרויס פאַרדאָרבנקייט אויף דער ערד, און גאָט האָט געמאָלדן זיין באַשלוס, צו פאַרניכטן די דאַמאָלטיקע „וועלט", דורך אַ מבול. יענע צייט ווערט אין דער ביבל אָנגערופן „נחס טאָג", ווייל נח איז געווען אַ גערעכטער מאַן און איז געבליבן געטריי צו גאָט. — בראשית ו: 1—17.

יהוה גאָט האָט דאַן געהייסן נחן, אויפצובויען אַ שיףקאַסטן, אין וועלכן ער וועט געפינען שוץ פאַר זיך און פאַר זיינע נאָענטסטע מיטגלידער פון זיין משפּחה. נח האָט געטאָן ווי מען האָט אים באַפוילן, און דאַן איז איבער דער

וועלט געקומען די פאַרפּלייצונג אָדער דער גרויסער מבול, וואָס האָט פאַרניכטט יעדע באשעפעניש אויף דער ערד. די־דאָזיקע פאַרניכטונג פון יעדער באשעפעניש איז געווען אַ פאָרבילד, וואָס האָט אָנגעדייט די פאַרניכטונג פון דער איצטיקער פאַרדאָרבענער וועלט. דאָס פאַרהיטן עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן געפונען שוץ אין דער תבה, האָט גע־געבן אַ נביאיש בילד פון די מיליאָנען מענטשן פון גוטן ווילן, וועלכע וועלן געראַטעוועט ווערן אין דער שלאַכט פון דעם גרויסן טאָג, פון דעם אַלמעכטיקן גאָט, וואָס וועט אינגיכן געקעמפט ווערן. וויסן דעם אמת און די שייכותן פון דידאָזיקע זאַכן איז איצט לעבנסוויכטיקער פון אַלץ פאַר אַלע מענטשן פון גוטן ווילן; דערפאַר ווערט דידאָזיקע בשורה איצט דערקלערט אַלס אַ באַקאַנטמאַכונג און וואָרנונג צו אַלע אַזעלכע מענטשן. — אַ פּעטרוס ג: 19, 20; ב פּעטרוס ג: 5—7.

אין דעם מבול האָט גאָט פאַרניכטט אַלע ערדישע באַ־שעפעניש, אָבער ער האָט ניט פאַרניכטט דעם טייוול און די אַנדערע פאַרדאָרבענע גייסטער; נאָר ער האָט זיי דערלויבט, פאָרזעצן אויסצואיבן זייער מאַכט און איינפלוס איבער דער מענטשהייט, ביז ס׳וועט קומען גאָטס באַשטימטע צייט צו האַנדלען. פאַרוואָס האָט גאָט דאַן ניט פאַרניכטט דעם טייוול? יהוה׳ס ענטפער אויף דערדאָזיקער פראַגע איז צו געפינען אין דער ביבל, אין שמות ט:16, אין דידאָזיקע ווערטער: „נאָר דערפאַר האָב איך דיך געלאָזט באַשטיין, כדי דיר צו ווייזן מיין כוח, און כדי זיי [מיינע עדות] זאָלן באַקאַנטמאַכן מיין נאָמען איבער דער גאַנצער ערד". (שמות ט:16). אָבער דער טאָג פון לעצטער רעכנשאַפט מוז קומען, און אין יענעם טאָג וועט שטן און זיין מאַכט אינגאַנצן פאַרניכטט ווערן, און עס וועט זיין אַ פולשטענדיקער איבערבייט אין דער הערשאַפט פון דער וועלט.

נאָך דעם מבול האָט זיך די מענטשלעכע ראַסע פאַר־מערט אויף דער ערד, און דאַן האָבן מענטשן אָנגעהויבן, צו אָרגאַניזירן זיך אין רעגירונגען, פון וועלכע די ערשטע אָרגאַניזאַציע איז געווען אונטער דער פירערשאַפט פון נמרודן.

אין יענער רעגירונג און אין יעדער רעגירונג פון דאַן אָן ביז איצט האָבן דריי עלעמענטן מיט זיך פאַרגעשטעלט די זעבאַרע הערשענדיקע מאַכט, נעמלעך, רעליגיע, פּאָליטיק און קאָמערץ. דורך דערדאָזיקער גאַנצער צייט האָט שטן, דער טייוול, אויסגעאיבט זיין ליסטיקע קראַפט איבער די מענטשן פון אַלע פעלקער, האָט זיי באַשווינדלט און באַטריגט, און האָט זיי פאַרפירט אַפיר פון דעם אמתן גאָט. אָבער דורך אַלע פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער האָט גאָט געהאַט עטלעכע מענטשן אויף דער ערד, וואָס זיינען פאַרבליבן צו אים אמתדיק און געטריי, און אַזעלכע מענטשן האָט ער געמאַכט פאַר זיינע עדות אויף דער ערד.

דאַן האָט גאָט, יהוה, אָרגאַניזירט די מענטשן פון ישראל אין אַ פאָלק פאַר זיך אַליין און האָט באַנוצט דאָס־דאָזיקע פאָלק, כדי אָנצודייטן און פאַראויסצוזאָגן זיין צוועק בנוגע דער מענטשלעכער ראַסע. פאַר אַ געוויסער צייט איז דאָסדאָזיקע פאָלק געווען געטריי צו גאָט, אָבער אין לויף פון צייט זיינען די הערשער און דאָס פאָלק אונטערגעפאַלן אונטער דעם באַטריגערישן איינפלוס פון דעם טייוול, אָפּ־קערנדיק זיך פון גאָט, און דאַן איז דידאָזיקע נאַציע גע־וואָרן אינגאַנצן פאַרניכטעט. דאָס פאָלק ישראל איז געווען אַ נביאישער מוסטער פון דער „קריסטנשאַפט". די נאַציעס פון דער ערד, וואָס הייסן איצט די „קריסטנשאַפט", האָבן אָנגע־הויבן דינען גאָט, יהוהן, אָבער אין לויף פון צייט האָבן דידאָזיקע נאַציעס זיך אָפּגעקערט פון דעם אמתדיקן דינען גאָט, זיך אונטערגעגעבן דעם פאַרפירערישן איינפלוס פון שטן, און זיינען געוואָרן פאַרדאָרבן; און גאָטס גזר איז, אַז זיי זאָלן ווערן פולשטענדיק פאַרניכטעט אין דער מלחמה פון האַרמאַגעדאָן, פונקט ווי די נאַציע ישראל איז געוואָרן פאַרניכטעט.

שטן, דער פאַרפירערישער און ליסטיקער שונא, האָט פאַרורזאַכט, כדי אָפּצונאַרן די מענטשן, אַז זיי זאָלן גע־האַלטן ווערן אין אומוויסנקייט בנוגע אים אַליין און זיין ווערק; זיינע אַגענטן לייקענען אַפילו, אַז דער שטן עקסי־סטירט גאָר אינגאַנצן. די פראַגע, וואָס איר דאַרפט איצט

אנטשיידן איז, צי איר ווילט גלויבן און אָננעמען דאָס וואָרט פון מענטשן, צי איר ווילט גלויבן און אָננעמען דעם אמת פון דער ביבל, וואָס איז גאָטס וואָרט. דידאָזיקע בשורה איז אַדרעסירט צו יענע, וואָס גלויבן, אַז די ביבל איז דאָס וואָרט פון גאָט; און דאָס וועט זיין אַ טרייסט פאַר זיי, אָבער ניט פאַר אַנדערע. די וועלט איז איצט אין גרויסער נויט; די הערשער פון יעדער נאַציע אונטער דער זון זיינען אין זייער אַ גרויסער צעטומלעניש. זיי פילן די נאָענטקייט פון אַ קאַטאַסטראָפע, אָבער זיי ווייסן ניט די אורזאַך פאַרוואָס, און ווילן ניט נעמען אין אַכט דעם אמת פון דער ביבל בנוגע דעמדאָזיקן חורבן. פילע רעליגיעזע פירער האַלטן אייך אין איין זאָגן, אַז די איצטיקע צרות אויף דער וועלט זיינען אַ שטראָף פון גאָט; אָבער די ביבל באהויפּט זייער פּשוט, אַז דער שטן, דער טייוול, איז דעריעניקער, וואָס פאַראורזאַכט די גרויסע נויט און לײדן, וואָס באַפאַלן איצט די מענטשן. דערפאַר שטייט עס געשריבן: „ווי צו די, וואָס וואוינען אויף דער ערד און אין דעם ים! וואָרן דער שטן איז צו אייך אַראָפּגעקומען, זייענדיק אין אַ גרויסן צאָרן, ווייל ער ווייס, אַז זיין צייט איז קורץ". (אנטפלעקונג יב:12) און איצט זאָג איך אייך, פאַרוואָס דער שטן האָט געבראַכט דעם גרויסן ווי אויף די פעלקער פון דער ערד.

אין אָנהייב פון דעם שטנס מרידה האָט גאָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט ארויסברענגען אַ „זאָמען", וואָס וועט אין אַ באַשטימטער צייט רעגירן איבער דער וועלט אין גערעכטיקייט, פאַרניכטן דעם שטן און זיין איינריכטונג, און וועט ברענגען די ברכות פון שלום, וואוילשטאַנד און לעבן צו אַלע מענטשן און פעלקער פון דער ערד, וואָס וועלן טאָן גערעכטיקייט און רעכט. דערדאָזיקער צוגעזאָגטער „זאָמען" אָדער הערשער איז ישוע המשיח, דער באַליבטער זון פון גאָט. וועגן אים שטייט עס געשריבן: „די הערשאַפט וועט זיין אויף זיין אַקסל; און זיין נאָמען וועט מען רופן: וואונדערבאַרער, ראַטגעבער, שטאַרקער (הערשער), אייביקער פאָטער, פירשט פון פרידן. צו דער מערונג פון זיין הערשאַפט

און שלום וועט ניט זיין קיין סוף, . . . דאָס אָננעמען זיך פון יהוה צבאות וועט דאָסדאָזיקע טאָן". (ישעיה ט: 6, 7) אַזוינאָך ווערט יעזוס קריסטוס דערקענט אַלס דער גערעכטער הערשער, פון וועלכן און דורך וועלכן די מענטשהייט דאַרף קריגן די געגאַרטע ברכות. — בראשית ג:15, יב:3, כב:18.

אין יאָר 33 לויט אונדזער צייטרעכענונג איז דער מאַן יעזוס דערהרגעט געוואָרן פון דעם שטנס אַגענטן, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעגעבן צום פאָלק ישראל גאָטס בשורה פון אמת. גאָט האָט דאַן ישוען המשיח צוריקגעבראַכט פון טויט און אים געגעבן דאָס געטלעכע לעבן און אים געמאַכט פאַר דעם דערהויבנדסטן אין דעם אוניווערס און אים באַשטימט צו דעם אַמט פון קעניג אָדער הערשער פון דער וועלט. דער משיח איז באַאויפטראַגט געוואָרן, צו וואַרטן פונדעסטוועגן, ביז וואַנעט גאָטס פעסט-באַשטימטע צייט וועט קומען, ווען ער וועט איבערנעמען זיין הערשאַפט. (תהלים קי:1) ווען ישוע איז געווען אויף דער ערד האָט ער דערקלערט, אַז ער מוז אַוועקגיין און באַקומען דאָס קעניגרייך, און אַז ער וועט דאַן קומען צוריק און איינפירן זיין מלוכה; און צוליב דערדאָזיקער אורזאַך האָט ער געלערנט זיינע נאָכפאָלגער צו טאָן תפילה: „לאָז דיין קעניגרייך קומען; דיין ווילן זאָל געטאָן ווערן אויף דער ערד!"

אַלס ענטפער אויף דער פראַגע, אין וואָס וועט באַשטיין דער באַווייז פון זיין קומען און פונם אָנפאַנג פון זיין קעניגרייך, האָט יעזוס דערקלערט, אַז די וועלט-מלחמה וועט באַצייכענען דעם אָנהייב פון זיין טעטיקייט בנוגע דער וועלט. דידאָזיקע וועלט-מלחמה איז געקומען אין יאָר 1914 אַלס אַ דערפולונג פון דער נביאות, פאָראויסגעזאָגט פון יעזוסן. עס איז געווען אין יענעם יאָר, ווען יהוה גאָט האָט איינגעפירט ישוען המשיח צום אַמט און אים באַאויפטראָגט, צו רעגירן די וועלט. (תהלים ב: 6—12) דער משיח איז איצט אַ גייסט, און קאָן ניט ווערן געזען פון מענטשלעכע אויגן. אַזוי ווי דער שטן איז פאַר אַ לאַנגער צייט געווען דער אומזעבאַרע רעגירער איבער דער וועלט, פאָלגלעך ניט געזען פון מענטשן, מוז איצט זיין הערשאַפט אויפהערן,

און יעזוס קריסטוס ווערט דער אומזעבארער רעגירער און באהערשער פון דער וועלט. יהוה איז יארהונדערטער לאנג געווען געדולדיק און האט דערלויבט דעם שטן, צו זיין דער אומזעבארער רעגירער; אבער איצט איז דידאזיקע צייט־גרענעץ פאריבער, און ס'איז געקומען דער סוף פון שטנס וועלט, און די צייט פארן משיח ישוע, איבערצונעמען די ענינים פון דער וועלט; און גלייך איידער ער הייבט אן די אויסטיילונג פון ברכות, וועט ער פארניכטן דעם גאטלאזן רעגירער פון דער איצטיקער וועלט און אלע, וואס אונטערשטיצן דעמדאזיקן געזעצלאזן הערשער.

דער שטן ווייס, אז די צייט איז זייער א קורצע ביזן הארמאגעדאן, וואס וועט זיין דער לעצטער קאמף צווישן דעם שטן מיט זיינע מלאכים אויף איין זייט און יעזוס קריסטוסן מיט זיינע מלאכים אויף דער אנדער זייט, און, וויסנדיק דאס, ברענגט דער שטן גרויס ליידן אויף דער וועלט. זיין צוועק איז אפצוקערן די מענטשן פון דעם אמתן גאט און פאראורזאכן זייער פארניכטונג. דאסדאזיקע איז ווייטער באקרעפטיקט דורך ישועס ווערטער, וועלכער האט געזאגט, אז ביים סוף פון שטנס וועלט וועט זיין א זייער גרויסע נויט אויף דער ערד, מיט צעטומלעניש, און די הערצער פון מענטשן וועלן זיי פארפעלן צוליב די זאכן, וואס זיי פילן, אז זיי קומען איבער דער וועלט. דאס זיינען פינקטלעך די אומשטענדן, וואס מיר זעען ביי היינטיקן טאג. דער גרויסער איבערבייט פון אומגערעכטער ביז גערעכטער הערשאפט אדער קאנטראל פון דער וועלט איז פארשטייענדיק. — לוקאס כא: 25, 26.

זעענדיק די גרויסע געפאר פון וועלט־צוזאמענברוך, האבן די ערדישע רעגירער ארגאניזירט די פעלקער־ליגע אלס במקום פאר גאטס קעניגרייך, און דער רעליגיעזער עלעמענט פון דער וועלט באגריסט די פעלקער־ליגע אלס דעם „פאליטישן אויסדרוק פון גאטס קעניגרייך אויף דער ערד". דידאזיקע פרעטענזיע איז אינגאנצן פאלש. אן ארגאניזאציע אין אמעריקע, וואס איז ביז היינטיקן טאג באקאנט אלס „די פעלקער־ליגע־אסאציאציע, אינק.", האט דורך איר פרע־

זידענט ארויסגעלאָזן אַן אויפרוף צו די מענטשן, צו שטיצן די פעלקער־ליגע, און וועמעס אויפרוף זאָגט צווישן אַנדערע זאַכן: „אין אַ וועלט, וואָס איז אַזאַ פינצטערע ווי די איצטיקע, פאַרוואָס אויסצולעשן דאָס איינציקע ליכט, וואָס איז נאָך פאַראַן?”, מיינענדיק, אַז די פעלקער־ליגע איז די איינציקע האָפענונג פון דער וועלט. איך וואָרן די מענטשן, אַז די פעלקער־ליגע איז דער פראָדוקט פון שטן, ארויסגעבראַכט, כדי צו באַטריגן די מענטשן און זיי פאַרבלענדן צום אמת בנוגע גאָטס קעניגרייך. די פעלקער־ליגע וועט אַבסאָלוט זיכער פאַלן צוזאַמען מיט די אַנדערע טיילן פון דעם שטנס איינריכטונג. גאָט האָט פאָרויסגעוואוסט און פאָרויסגעזאָגט די דאָזיקע פאַרייניקונג פון נאַציעס — און וועגן דעם האָט ער געזאָגט דורך זיין נביא: „געזעלט אייך, איר פעלקער, אָבער איר וועט צעבראָכן ווערן אויף שטיקלעך. . . גורט אייך אַן, אָבער איר וועט צעבראָכן ווערן אויף שטיקלעך. עצהט אַן עצה, און זי וועט פאַרשטערט ווערן”. — ישעיה ח: 9, 10.

געבנדיק זיין ענטפער בנוגע באַווייזן, וואָס באַשטעטיקן דעם סוף פון שטנס וועלט, האָט יעזוס אָנגעדייט אויף דער פעלקער־ליגע אַלס יענעם „גרויל וואָס ברענגט פאַרוויסטונג”, ווייל דאָס נעמט אויף זיך, צו פאַרנעמען דעם פלאַץ פון גאָטס קעניגרייך. ער האָט געזאָגט צו זיינע נאָכפאָלגער: „ווען איר וועט זען דעם גרויל פון פאַרוויסטונג [וואָס איז די פעלקער־ליגע], שטיין אין דעם הייליקן אָרט, לויפט אַוועק דאַן צו גאָטס קעניגרייך.” (מתי כד:16,15) ישוע המשיח גיט די דאָזיקע וואָרנונג, ווייל די פעלקער־ליגע איז דעם שטנס פאָרטל, בלינד צו מאַכן די מענטשן צום אמת. אַלע וואָס זוכן שוץ אין דער פעלקער־ליגע וועלן קומען צו אַ קאַטאַסטראָפע. גאָטס קעניגרייך אונטער דעם משיח איז די איינציקע האָפענונג פון דער מענטשלעכער ראַסע, און שוץ וועט געפונען ווערן בלויז אין גאָטס אָרגאַניזאַציע.

אין משך פון איבער 1800 יאָר זיינען די בני־ישראל געווען גאָטס מוסטער־פאָלק, און עס איז אויסדריקלעך באַהויפט אין דער ביבל, אַז אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעמדאָזיקן פאָלק, דייט אָן אויף דעם, וואָס

וועט פאַרקומען צום סוף פון דער וועלט, וואו מיר געפינען זיך איצט. די נאַציע ישראל האָט אָנגעהויבן, ווען זי האָט נאָך געוואוינט אין מצרים, און דאָרט זיינען די קינדער פון ישראל געווען אַ פּראָפעטיש בילד פון די מענטשן, איצט אויף דער ערד, וואָס זיינען אויף דער זייט פון גאָט און קריסטוסן און וואָס גאָרן, צו זען די הערשאַפט פון גערעכ־טיקייט און דעם סוף פון אונטערדריקונג. פּרעה, דער מלך מצרים, האָט רעפּרעזענטירט אָדער מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם שטן, דעם גאָט אָדער דעם אומזעבאַרן רעגירער פון דער בייזער וועלט. פּרעה און די באַאַמטע פון זיין רעגירונג האָבן ארויפגעוואָרפן גרוים אונטערדריקונג אויף די בני־ישראל. יהוה גאָט האָט געשיקט משהן און אהרנען קיין מצרים, צו זיין עדות פאַר זיין נאָמען און כח. משה איז געווען אַ מוסטער פון ישוע המשיח, בעת אהרן איז געווען אַ מוסטער פון יהוהס עדות, וואָס אַרבעטן אונטער דער פירונג פון משיח. גאָט האָט באַפוילן משהן און אהרנען, צו שטעלן זיך פאַר פּרעהן און פאָדערן, אַז זיין פאָלק ישראל זאָל דערלויבט ווערן, צו דינען און אַכטן גאָט אויף דעם אופן, ווי יהוה האָט באַשטימט פאַר זיי. פּרעה האָט זיך אָנטזאָגט, נאָכצוגעבן דיזאָזיקע בקשה. דאַן האָט גאָט באַ־פוילן משהן, צו שלאָגן מצרים מיט מכות, אַזוי אַז די רעגי־רער און דאָס פאָלק זאָלן זיך דערוויסן און ווערן געוואָרנט, אַז יהוה איז דער אַלמעכטיקער גאָט, און אַז זיינע געבאָט מוזן אויסגעפאָלגט ווערן. אינגאַנצן זיינען געווען צען פּלאָגן, וואָס זיינען באַפאַלן מצרים. די נייענטע פּלאָג איז געווען דער גרויסער חושך איבערן גאַנצן לאַנד מצרים אַ חוץ יענעם טייל, וואו גאָטס אויסדערוויילט פאָלק איז געווען, און דאָרטן האָבן די בני־ישראל געהאַט פולשטענדיקע ליכט, וואָס איז געווען אַן אויסנאָרדענטלעכע גנאָד פון גאָט יהוה.

און איצט, צום סוף פון דער וועלט, האָט גאָט יהוה געשיקט ישוע המשיחן, דעם גרעסערן משה, און האָט ארויסגעשיקט זיינע עדות, פאַרגעשטעלט דורך אהרנען, און באַפוילן, אַז זיין עדות־זאָגן מוז איבערגעגעבן ווערן צו די רעגירער פון דער וועלט און צום פאָלק, אַז גאָט יהוה איז

דער העכסטער, און אַז זיינע מענטשן זאָל דערלויבט ווערן, צו אַכטן און דינען גאָט אויף דעם אופן, ווי ער האָט באַשטימט פאַר זיי. אין דעם יאָר 1919 האָבן די רעליגיעזע, פּאָליטישע און קאָמערציעלע עלעמענטן פון דער „קריסטנשאַפט" אויפגעשטעלט די פעלקער־ליגע אין קעגנרעשאַפט צו גאָטס קעניגרייך אונטער קריסטוסן, און זינט דאַן האָבן דידאָזיקע אַלע זעבאַרע רעגירער זיך העפטיק געשטעלט קעגן יהוהס עדות. לויטן באַפעל פון האר האָבן זיינע עדות געלאָזט וויסן און געוואָרנט די רעגירער, אַז דעם שטנס וועלט האָט זיך געענדיקט, און אַז דאָס קעניגרייך פון גאָט איז נאָענט; און זיי האָבן געפאָדערט פון די רעגירער, אַז גאָטס פאָלק זאָל דערלויבט ווערן, אָן שטערונג צו דינען און אַכטן אים אויף דעם אופן, ווי יהוה האָט פאַר זיי באַשטימט. דידאָזיקע באַקאַנטמאַכונג און וואָרנונג שטעלט מיט זיך פאָר די דערפולונג פון נייען פּלאָגן פון מצרים; דידאָזיקע נייען פּלאָגן זיינען דערפילט געוואָרן איבער די רעגירער פון דער וועלט. פונקט ווי די נייענטע פּלאָג איבער מצרים איז געווען דער גרויסער חושך, אַזוי זיינען אויך איצט די רעגירער פון דער וועלט אין גרויסער פינצטערניש בנוגע גאָטס צוועק, ווייל זיי אַנטזאַגן זיך, אויפצונעמען גאָטס אמת. דאָס ווערט דערהויפּט באַוויזן דורך דעם פאַקט, וואָס די פעלקער־ליגע ווערט אָפן באַהויפּט, צו זיין דאָס איינציקע ליכט, וואָס שיינט איצט אויף דער ערד. דער איינציקער אויסנאַם אין דערדאָזיקער גרויסער פינצטערניש איז, וואָס יענע פּערזאָנען, וואָס האָבן גענומען זייער שטעלונג אויף דער זייט פון גאָט און זיין קעניגרייך, געניסן איצט דאָס ליכט פון גאָטס וואָרט, און דורך דעם ווערן זיי געפירט אויף דעם ריכטיקן וועג. ביים סוף פון דער נייענטער פּלאָג איבער מצרים האָט פּרעה געזאָגט צו משהן און אהרנען: „גייט אַוועק און זעט מעך ניט מער!" אַפילו אויך איצט, נאָך דעם ווי די נייענטע פאָרבילד־פּלאָג איז אויסגעגאָסן געוואָרן איבער די רעגירער פון דער וועלט, האָבן זיי בכּוונה ווי געזאָגט צו יהוהס געטרייע עדות: „גייט אַוועק און לאָזט אונדז מער ניט האָבן צו טאָן מיט אייך!" פּרעה האָט

געוואגט, ארויסצוטרעטן קעגן יהוהן. די רעגירער פון דער וועלט טוען איצט דיזעלבע זאך. זיי שטעלן זיך קעגן גאָטס עדות, שטויסן אָפּ זיין וואָרנונג און ווייזן צוריק יהוהן און זיין קעניגרייך.

נאָך דעם אַלעם, און אין איינקלאַנג מיט גאָטס ווילן, ווי ער האָט באפוילן, וועלן יהוהס עדות מער ניט לאָזן ווּיסן און וואָרענען די רעגירער פון דער וועלט, נאָר זיי טוען איצט ברענגען פאר דער אויפמערקזאמקייט פון די מענטשן פון גוטן ווילן די בשורה פון באקאנטמאכונג און וואָרנונג בנוגע הארמאגעדאָן און גאָטס קעניגרייך, פונקט ווי משה און אהרן האָבן געגעבן באזונדערע באַלערנונג צו די בני־ישראל גראָד איידער די צענטע פּלאָג איז געקומען איבער מצרים.

די ערשטגעבאָרענע פון מצרים, לויט זייער געזעץ, האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ ספּעציעלן בכבודיקן קלאַס; און פאַלגנ־לעך האָט דער בכור פאַרגעשטעלט מיט זיך אין דעם פּראַ־פעטישן בילד דעם איצטיקן זעבארן רעגירנדיקן עלעמענט פון דער ערד. די צענטע און לעצטע פּלאָג, וואָס גאָט האָט געשיקט אויף מצרים, איז געווען דאָס: ער האָט געשיקט זיין מלאך איבערן גאנצן לאנד מצרים און האָט דערהרגעט יעדן איינעם פון די ערשטגעבאָרענע פון די עגיפּטער, אָבער ער האָט באשיצט די בכורים פון די בני־ישראל, ווייל זיי האָבן געפאָלגט זיינע געבאָט, ווייזנדיק גלויבן אין דעם מענטשנס דערלייזער. די בני־ישראל האָבן תכף פאַרלאָזן מצרים און זיי זיינען נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון פּרעה און זיין אָפיציעלע אָרגאַניזאַציע; אָבער אַלע פארפאָלגער זיינען פארניכט געוואָרן אין ים. דאָס איז אַ פּראָפעטיש בילד פון הארמאגעדאָן, וואָס וועט מיינען די פולשטענדיקע פאר־ניכטונג פון שטנס הערשאַפט איבער דער וועלט, סיי די זעבארע און סיי די אומזעבארע.

די היילִיקע שריפטן אַנטפּלעקן, אַז גאָט נעמט קיינמאָל ניט קיין פאַרצוג פון דער אומוויסנקייט פון וועמען עס זאָל ניט זיין, נייערט ער לאָזט וויסן און וואָרנט, איידער ער נעמט האנדלען, רעכטצופארטיקן זיין נאָמען. באמערקט

דאָס: ער האָט פּאַראורזאַכט נחן, צו זאָגן עדות צו מענטשן און מלאָכים וועגן זיין צוועק, צו פאַרניכטן די וועלט, איידער ער האָט געבראַכט דעם מבול, וואָס האָט פאַרניכט די וועלט. ער האָט פאַרורזאַכט משהן און אהרנען, דייטלעך אָנצוזאָגן און וואָרנען מצרים; און דאַן איז געקומען די פאַרניכטונג פון יענער וועלט־מאַכט. ער האָט פאַרורזאַכט יעזוסן, ערלעך אָנצוזאָגן דעם רעבעלירנדיקן פאָלק ישראל און אים צו וואָרנען, און דאַן האָט נאָכגעפאָלגט די פאַרניכטונג פון יענער נאַציע. יהוה גאָט האָט איצט פאַרורזאַכט זיינע עדות, פולשטענדיק און ערלעך אָנצוזאָגן די רעגירער פון דער איצטיקער וועלט און זיי צו וואָרנען; און ווען דידאָזיקע עדות־אַרבעט וועט פאַרענדיקט ווערן, וועט דאַן שנעל נאָכפאָלגן די פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון שטנס וועלט. דער מבול, די פאַרניכטונג פון מצרים, און דאָס פאַלן פון ירושלים האָבן געבראַכט אַ סך צרות אויף די מענטשן; אָבער יעזוס האָט דערקלערט, אַז הארמאַגעדאָן וועט ברענגען איבער דער וועלט די גרעסטע אַנגסטן, וואָס זיינען ווען ניט איז געווען באַקאַנט; און דאָס וועט זיין די לעצטע נויט. (מתי כד: 14, 21, 22) פאָלגלעך מעגן מיר וויסן, אַז די דראָענדיקע שלאַכט פון הר־מגדון וועט זיין די לעצטע און פולשטענדיקסטע אויספירונג פון יהוהס אורטייל קעגן די בייזע, פאַרדאָרבענע און גאָטלאָזע, אומזעבאַרע און זעבאַרע.

הארמאַגעדאָן וועט ניט געקעמפט ווערן צווישן מענטשן פון די נאַציעס אויף דער ערד. הארמאַגעדאָן איז די „שלאַכט פון דעם גרויסן טאָג פון דעם אַלמעכטיקן גאָט”, אין וועלכן ישוע המשיח און זיינע מלאָכים וועלן קעמפן קעגן שטן און זיין בייזע מחנה, און דער משיח וועט זיין פולשטענדיק זיגרייך. געדענקט איצט די ווערטער, וואָס שטייען געשריבן אין ב פּעטער ג, נעמלעך: „אין די לעצטע טעג וועלן קומען יענע וואָס וועלן לייקענען און שפּאָטן פון גאָטס קעניגרייך, און זיי זיינען פרייוויליק אומוויסנדיק וועגן דעם אמת, אַז דורך דעם וואָרט פון גאָט זיינען די הימלען און די ערד, וואָס זיינען געווען פון פאַרציטן, צונויפשטעלנדיק די וועלט וואָס איז דאַן געווען, איבערגעפלייצט געוואָרן מיט

וואסער, און אונטערגעגאנגען; אבער די הימלען און די ערד, וואס זיינען איצט, ווערן דורך דעמזעלבן ווארט פארהאלטן צו דער פארניכטונג און דעם טאג פון משפט און אונטערגאנג פון די אומגעטלעכע מענטשן. . . . דערווארטנדיק און פארשנעלערנדיק דאס קומען פון דעם טאג פון גאט, אין וועלכן די הימלען, ברענענדיק, וועלן ווערן אויפגעליזט, און די עלעמענטן (זעבארע רעגירנדיקע מאכטן) וועלן צעשמאלצן ווערן מיט גליענדיקער היץ". — ב פעטער ג: 3—7, 12.

דידאזיקע אינספירירטע אדער פון גאט אריינגעגעבענע ווערטער, *פארצייכנט אין דער ביבל, דערציילן וועגן דעם, וואס וועט אינגיכן קומען איבער דער וועלט, מאכנדיק א פולשטענדיקן סוף פון דעם שטנס הערשאפט, רייניקנדיק אזויארום דעם וועג פאר דער גערעכטער הערשאפט פון יעזוס קריסטוסן. פארזעצנדיק זאגט זיין אפאסטאל אדער שליח: „מיר דערווארטן אין איינקלאנג מיט זיין צוזאג, נייע הימלען און א נייע ערד, וואו עס וואוינט גערעכטיקייט". (ב פעטער ג:13) דאס צייכנט אן דעם פולשטענדיקן איבערבייט פון דער וועלט־ממשלה, די „נייע הימלען" זייענדיק דער משיח אדער די אומזעבארע הערשאפט, און די „נייע ערד" באדייטנדיק יענע געטרייע מענטשן פון פארצייטן, פון הבלן ביז צו יוחנן המטבל, וועלכע, אויפשטייענדיק תחית המתים אלס פערפעקטע מענטשן, וועלן ווערן די זעבארע הערשער אויף דער ערד; און יענע הערשאפט וועט זיין די פון גערעכטיגקייט".—תהלים מה:16; ישעיה לג:1.

אין דער אנטפלעקונג, קאפיטל כא, ווערט די נייע הערשאפט פון דער וועלט סימבאליש אנגערופן „די הייליקע שטאט" אדער איינריכטונג, און ווערט באשריבן אלס אן אראפקומענדיקע פון גאט גלייך פון הימל, וועמעס הייליקע און גערעכטע הערשאפט אונטער דעם משיח וועט ברענגען אויף די מענטשן די גרעסטע ברכות. אויסאיבנדיק זיין העכסטע מאכט דורך יעזוס קריסטוסן, וועט דאן יהוה, דער גרויסער גאט פון אוניווערס, בענטשן אלע מענטשן וואס פאלגן־אויס זיין גערעכטן געזעץ. „און גאט וועט אפווישן אלע טרערן פון זייערע אויגן; און עס וועט מער ניט זיין

זאָגנדיק, „פרידן, פרידן!”, ווען ס'איז ניטאָ קיין פרידן. זייט 22

קיין טויט, ניט קיין קומער, קיין קלאָגן, און עס וועט מער ניט זיין קיין שום פּיין: ווייל די פריערדיקע זאַכן זיינען פאַריבער. און ער וואָס זיצט אויפן טראָן האָט געזאָגט: זע, איך מאַך אַלע זאַכן ניי . . . דידאָזיקע ווערטער זיינען אמתדיקע און געטרייע" — אַנטפּלעקונג כא: 4, 5.

ווידער ברענג איך צו אייער אויפמערקזאַמקייט, אַז דאָס אַזוי־גערופענע „הייליקע יאָר" האָט פערפעלט, צו ברענגען דעם צוגעזאָגטן שלום און וואוילשטאַנד; און דערדאָזיקער דורכפאַל אַליין דאַרף איבערצייגן די גוטוויליקע מענטשן, אַז גאָט האָט ניט באַפולמעכטיקט דאָס יאָר 1933 צו ווערן אָנגערופן דאָס הייליקע יאָר, און אַז ער וועט ניט ענטפערן אויף די תפילות פון מענטשן, וואָס באַמיען זיך צו מאַכן פון דעם אַ הייליק יאָר. קיין שלום איז איצט ניטאָ אויף דער ערד, און אָרימקייט זעצט פאָר איר שוידערלעכן גאַנג איבער דער ערד. אַלס יהוהס עדות האָבן מיר קיין שום שטרייט ניט מיט מענטשן. אונדזער איינציקער צוועק איז, צו זיין געהאָרכזאַם צו גאָטס געבאָט און צו דערציילן די בשורה פון אמת. אַזוי ווי ער האָט באַפוילן, דידאָזיקע שליחות איבערצוגעבן, וועלן מיר דאָס טאָן מיט זיין גנאָד, ניט קוקנדיק אויף קעגנערשאַפט; און ווען מיר האָבן דאָסדאָזיקע אָפּגעטאָן, ענדיקט זיך אונדזער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און אייערע הייבט זיך אָן. איך מוז אייך זאָגן, אַז אַלע מענטשלעכע פּאַרטלען, געזונט צו מאַכן די וועלט, זיינען אַ זיכערער דורכפאַל. די וועלט איז קראַנק ביז טויט, און זי גייט שטאַרבן. עס קאָן זיך זיין אַ צייטווייליקע פעריאָדע פון וואוילשטאַנד, אָבער דאָס וועט זיין זייער אַ קורצע. יהוהס אורטייל איז, אַז עס זאָל זיין אַ פולשטענדיקער איבערבייט פון דער וועלט־הערשאַפט; און דערפאַר מוז די אַלטע וועלט אומקומען.

אין דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, וואָס וועט איינגיכן קומען אויף דער איצטיקער וועלט, וועלן אַלע, וואָס שטעלן זיך קעגן גאָט, שטאַרבן, און זיי וועלן ניט געפינען קיין שום מעגלעכן אופן, זיך צו ראַטעווען דערפון. (ירמיה כה: 33—36) געלט, אייגנטום און וועלטלעכער איינפלוס וועט קיין איינעם ניט געבן די מעגלעכקייט צו קויפן שוץ אָדער

הילף אין יענער צייט פון גרויסע צרות. בנוגע דעמזעלבן איז עס געשריבן אין גאָטס וואָרט: „אויסגעליידיקט וועט אויסגעליידיקט ווערן די ערד, און צערויבט וועט זי צע־רויבט ווערן; וואָרן גאָט האָט גערעדט דאָסדאָזיקע וואָרט. די ערד איז זינדיק אונטער אירע באַוואוינער, וואָרן זיי האָבן עובר געווען אויף די לערנונגען, איבערגעטרעטן דאָס געזעץ, פאַרשטערט דעם אייביקן בונד". (ישעיה כד: 3, 5) דער אייביקער בונד דאָ דערמאָנט איז גאָטס בונד בנוגע דער הייליקייט אָדער אומפאַרלעצלעכקייט פון לעבן. (בראשית ט: 1—11) איטלעכע נאַציע אויף דער ערד האָט אומגעהייער איבערגעטראָטן און אָבזיכטלעך פאַרבראָכן קעגן יענעם בונד, דורך דעם וואָס זי האָט פאַראורזאַכט דעם אומנויטיקן און אומ־צייטיקן טויט פון מענטשלעכע באַשעפענישן. אַלס ביישפּילן פון אַזעלכע אומנויטיקע בלוט־פלעקן אויף דעם רעקאָרד פון אַמעריקע קאָנען דינען די גרויזאַמע באַהאַנדלונג, צו וועלכע די אינדיאַנער זיינען געווען אונטערוואָרפן, און דאָס הארצלאָזע אויסשלאַכטן חיות; און דאָס איז געטאָן געוואָרן מערסטנטייל צוליב דעם גיריקן באַגער, צו מאַכן פּראָפיטן. די קאָמער־ציעלע און פּאָליטישע עלעמענטן פון דער ערד האָבן אומ־גערעכטערהייט אונטערדריקט און דער'הרג'עט מיליאָנען פון מענטשלעכע באַשעפענישן, און דער רעליגיעזער עלעמענט האָט מיטגעהאָלפן און צוגעדעקט אַזעלכע אַפּשיילעכע מעשים. גאָט וועט אויסגלייכן דעם חשבון אין דער שלאַכט פון הארמאַגעדאָן.

איך וואָרן די מענטשן וועגן דער בייזער קאָנספּיראַציע פון דעם שטן, און אין וועמעס קאָנספּיראַציע זיינען פאַר־בונדן די אינטערנאַציאָנאַלע באַנקירן, די אומגעטרייע גייסט־לעכע, און די געוויסנלאָזע פּאָליטיקאַנער. צווישן די צוועקן פון דערדאָזיקער קאָנספּיראַציע איז דאָס פאָלגנדיקע: אריינ־צושטופּן אַמעריקע אין דער פעלקער־ליגע, צו קאָנטראָלירן דאָס געלט און דאָס גאַנצע איבעריקע אייגנטום, צו הערשן איבער די מענטשן דורך דער האַנד פון איין־מענטש־דיקטאַ־טאָר, צו פאַרניכטן די פרייהייט פון וואָרט און פּרעסע, און אָפּצושטעלן דעם אמתן גאָט־דינסט און דינסט פאַר קריסטוס.

אָבער זייט ניט געפאַלן ביי זיך! די האַנט פון אַלמעכטיקן גאָט וועט אין דער שלאַכט פון הארמאגעדאָן פאַרטיליקן אַלע דידאָזיקע שונאים ביז שטויב!

וואָס זשע איז די האָפענונג פון די פעלקער פון דער ערד? יהוה גאָט ווייזט אָן אויף יעזוס קריסטוסן, דעם נייעם הערשער פון דער וועלט, און זאָגט: „זע מיין דינער, אין וועמען מיין זעל איז צופרידן. ער וועט באַווייזן גערעכטן אורטייל צו די פעלקער, און אין זיין נאָמען זאָלן די פעלקער האָפן”, (מתי יב: 18-21) זייענדיק געוואָרנט קאָנען מענטשן פריי זיך אָנשליסן אין וועלכע אָרגאַניזאַציע זיי ווילן נאָר; אָבער זאָלן די מענטשן פון גוטן ווילן, וואָס גאַרן צו זען גערעכטיגקייט, שלום, וואוילזיין און אייביקן לעבן אויף דער ערד, זיך שטעלן אינגאַנצן אויף דער זייט פון גאָט און זיין קעניגרייך. עס איז אין ערגעץ וואו אַנדערש ניטאָ קיין אָרט פון זיכערקייט. כדי צו נעמען אַ שטעלונג אויף יהוהס זייט, דאַרפט איר ניט אָנשליסן זיך אין וועלכע ניט איז מענטשלעכע אָרגאַניזאַציע; נאָר אין דער פריוואַטקייט פון אייער היים גיט זיך איבער צו גאָט און זיין קעניגרייך אונטער דעם משיח. זייט פלייסיק, צו שטודירן דאָס וואָרט פון אמת און לערנט דעם וועג פון גערעכטיקייט. מיידט אויס אַלע שטרייטן און קאַמפן. אויב אויפשטאַנדן און רעוואָלוציעס קומען, האַלט זיך פון זיי. האַנדלט ערלעך און גערעכט מיט אייערע מיטמענטשן, און דינט און פאָלגט דעם אַלמעכטיקן גאָט. ביי היינטיקן טאָג זיינען פאַראַן אויף דער ערד מיליאָנען מענטשן פון גוטן ווילן, וואָס גאַרן, צו וויסן און צו טאָן וואָס איז רעכט, אין די יעניקע, וואָס פאָלגן נאָך די אָנווייזונגען, זיי נעגעבן אין גאָטס וואָרט, קאָנען פאַרבאַהאַלטן ווערן אין דער צייט פון די גרויסע אַנגסטן, און ווערן געפירט דורך זיי געזיכערטערהייט, און קאָנען דאַן אייביק לעבן אויף דער ערד און וועלן קיינמאָל ניט שטאַרבן. פאָלגלעך קאָן מען באמת זאָגן: „מיליאָנען, וואָס לעבן איצט, וועלן קיינמאָל ניט שטאַרבן.”

קענגער פון גאָטס אמת קאָנען אינגיכן מאַכן עס אוממעגלעך פאַר אייך פאַר אַ געוויסער צייט, צו הערן די בשורה פון גאָטס קעניגרייך דורך דער ראַדיאָ; אָבער יהוה האָט

צוגעגרייט אַנדערע מיטלען: דידאַזיקע רעדע ווי אויך אַנ־
דערע, וואָס אַנטהאַלטן זיין בשורה עלעקטריש פאַרצייכנט
אויף פאָנאָגראַף־פלאַטן, וועט ווערן איבערגעגעבן די מענטשן
אין יעדן טייל פון לאַנד. גיט אַכטונג אויף די באַקאַנט־
מאַכונגען פון אַזעלכע קומענדיקע צוזאַמענקומענישן און דאַן
קלייבט זיך צונויף, הערט דעם אמת און געפינט אויס דעם
וועג פון גערעכטיקייט. דער איבערבייט פון דער וועלט־
הערשאַפט, וואָס איז אַזוי נאָענט, וועט ניט אַליין ברענגען
הילף צו דער לײַדנדיקער מענטשהייט, נאָר וועט ברענגען גרע־
נעצלאָזע ברכות און ענדלאָזע פרייד צו יענע, וואָס פאָלגן גאָט.

אַלע וואָס גאַרן נאָך דעם גערעכטן קעניגרייך פון יהוה
אונטער דעם משיחן, און וואָס זוכן זיכערקייט, דאַרפן זיך
איצט שטעלן אויף דער זייט פון גאָט, יהוה. איך שלאָג פאָר
אַז דאָס איצטיקע פובליקום, דאָס זעבאַרע און אומזעבאַרע,
זאָל אָננעמען די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע, נעמלעך:

זיי עס באַשלאָסן, אַז מיר שטעלן זיך איצט אויף דער
זייט פון יהוה גאָט און זיין קעניגרייך; און אַז מיר וועלן
פאָלגן, דינען און אַכטן יהוה גאָט און זיין באַליבטן זון, ישוע
המשיחן, וועלכער איז דער באַרעכטיקטער הערשער פון דער
וועלט, און מיר וועלן אַזוי אָנטייל נעמען אין רעכטפאַרטיקן
יהוהס נאָמען.

באַקרעפטיקט אייער שטעלונג!

כדי צו האַלטן זיך אין אייער באַשלוס, זיך צו שטעלן פון איצט אָן אויף דער זייט פון יהוה גאָט און זיין אָרגאַניזאַציע אונטער יעזוס קריסטוסן, נויטיקט איר זיך און איר וועט וועלן אמתע הילף. איר דאַרפט זיך ניט אָנשליסן אין וועלכע ניט איז מענשלעכע רעליגיע-אָרגאַניזאַציע. פּאַקטיש דאָס וואָלט געווען אַ ניט ריכטיקער טראָט. איר וועט דאָס הויפּטזעכלעך אָפּשאַצן נאָכן לייענען פון „אַנטלויפט איצט!", וואָס דערשיינט גלייך נאָכדעם.

האַלט אייער שטעלונג און ווערט שטאַרקער, לייענענדיק ריכטער רוטעפאָרדס ביכער, גלייך אין אייער אייגן היים, פריי פון רעליגיעזע פּלאָנטערנישן. דידאַזיקע ביכער זיינען אומסעקטאַריש, אָן קירכערלעכער אָנגעהעריקייט, אומפּאַליטיש, שטרענג ביבליש, געטריי צו פאַקטן און יהוה גאָט.

אָט זיינען זייערע טיטלען:

די האַרף פון גאָט	באַוואָרונג
באַפרייאונג	יהוה
באַשאַפונג	נבואה
דאָס שלום-מאַכן	ליכט (צוויי ביכער)
רעגירונג	רעכטפאַרטיקונג (דריי ביכער)
	צוגרייט

פּראַכטפול געבונדן אין לייוונט, אילוסטרירט מיט קאָלירן, און מיט אַ זוכצעטל; איטלעך בוך אַנטהאַלט 362 אָדער מער זייטן. אלע פערצן אין דער ענגלישער שפּראַך—$3.50; פיר פון וועלכע ניט איז אין דער ענגלישער שפּראַך אָדער דריי אין אַ סך אַנדערע שפּראַכן — $1.00; איינצל אין ענגליש — 25 סענט; אין אַנדערע לשונות — 35 סענט; געשיקט פּאָסט-באַצאָלט אומעטום. פרייער קאַטאַלאָג אויף פאַרלאַנג. באַשטעלט פון

THE WATCH TOWER

117 Adams Street, Brooklyn, New York

אַנטלויפט איצט

(רעדע פון ריכטער רוטערפאָרד, פאַרשפּרייט דורך אַ ראַדיאָ-קייט פון דער סטאַנציע WBBR, 6טן מאַי 1934)

די אינפאָרמאַציע אין דער איצטיקער רעדע ווערט געגעבן צוליב דעם נוצן פון אַלע מענטשן פון גוטן ווילן, ניט אַכטנדיק אויף זייער גלויבן, קאָנפעסיע, ראַסע אָדער קאָליר. די וועלט איז אין דער העכסטער קריטישער לאַגע, און יעדע אינפאָרמאַציע, וואָס מען קאָן אַרויסקריגן פון די הייליקע שריפטן בנוגע דערדאָזיקער לאַגע, דאַרף ווערן פלייסיק געזוכט פון יענע, וואָס האָפן צו זען, ווי אַזוי שלום און גערעכטיקייט וועט מנצח זיין. דער שונא, ניט זייענדיק אין שטאַנד, צו שטעלן זיך אמת קעגן אמת, ווענדט אָן מיטלען, צו פאַרהאַלטן דעם אמת צו ווערן באַקאַנט. עס איז ניטאָ קיין שום פאַרלאַנג מצד די עדות פון יהוה, צו שעדיקן וואָסער ניט איז באַשעפעניש אויף דער ערד, אָבער עס איז פאַראַן יעדער איינער פאַרלאַנג, צו זיין געהאָרכזאַם צו גאָטס ווילן און צו טאָן גוטס דער מענטשהייט מיטן זאָגן זיי דעם אמת.

יהוה גאָט איז אינגאַנצן אומזעלבסטזיכטיק, און צוליב דערדאָזיקער אורזאַך שטייט געשריבן אין די הייליקע שריפטן: „גאָט איז ליבע.” ער האָט ניט קיין שום פאַרגעניגן אין די רשעים. זיי זיינען אַן אָפּשיילעכקייט פאַר גאָט, און צוליב דעם גוטס פון דעם גאַנצן באַשאַף וועט ער אין דער געהעריקער צייט פאַרניכטן אַלע בייזע אָדער גוזעצלאָזע. זיין צייט צו פאַרניכטן די פאַרדאָרבענע איז נאָענט (אַנטפּלעקונג יא: 15-18; תהלים קמה : 20). ער איבערפאַלט ניט די גאָטלאָזע, אָבער ער לאָזט זיי ווייסן אויף אַ פּאַסיקן אופן און וואָרנט זיי, איידער ער פאַרניכט זיי. גאָט האָט דערלויבט דעם שטן, אָנצוגיין אין משך פון יאָרהונדערטער אומגעשטערט מיט זיין רשעות; נאָר איצט איז געקומען דער סוף, ווייל „דאָס

איז דער טאָג פון נקמה פון יהוה" קעגן אַלע בייזקייט אין דידאָזיקע לעצטע טעג האָט יהוה גאָט פאַראורזאַכט, מען זאָל פולשטענדיק לאָזן ווייסן און וואָרענען די טוער פון גע־זעצלאָזיקייט; אָבער דידאָזיקע באַקאַנטמאַכונג און וואָרנונג האָבן די מאַכטן, וואָס קאָנטראָלירן די וועלט, פאַרשטויסן, און דער טאָג פון זייער חורבן דערנענטערט זיך. איידער די גרעסטע אַנגסטן און צרות פון אַלע צייטן באַפאַלן די וועלט, פאַראורזאַכט גאָט, מען זאָל אויך לאָזן ווייסן און וואָרענען די פשוטע מענטשן, מיטן ציל, אַז יעדער איינער, וואָס וויל נאָר, זאָל קאָנען אַנטלויפן צו דעם איינציקן אָרט פון זיכערקייט.

דער גרעסטער לערער, וואָס איז ווען ניט איז געגעבן געוואָרן צו מענטשן, איז ישוע המשיח אָדער יעזוס קריסטוס. באַקליידט מיט יעדער מאַכט און אויטאָריטעט אין הימל און אויף דער ערד, און אין וועמעס הענט איז איבערגע־געבן געוואָרן יעדער גערעכטער אורטייל און זיין אויספיר, רעדט יעזוס קריסטוס מיט אַבסאָלוטער אווטאָריטעט. ווען די וועלט ווערט באַלערנט פון אַ געוויינלעכן מענטשן וועגן אַ וויכטיקער פראַגע, איז מען אויפמערקזאַם צו דעם, וואָס ער דערקלערט. מיט מער גרונד דאַרפן אַלע מענטשן זיין זייער אויפמערקזאַם צו די ווערטער פון אַווטאָריטעט, געשפּראָכן פון דעם גרויסן און גערעכטן הערשער פון דער וועלט. מער ווי מיט ניינצן יאָר־הונדערטער צוריק, און גלייך איידער ער האָט פאַר־לאָזן די ערד, האָט יעזוס פאָרגעבראַכט אַ בשורה פון וואָרנונג צו די מענטשן פון גוטן ווילן, וואָס וועלן זיין אויף דער ערד צום סוף פון דער וועלט. און דידאָזיקע בשורה איז הויפּטזעכ־לעך געווענדט צו די מענטשן איצט אויף דער ערד, ווייל איצט איז די צייט פון דערפולונג. מיר זיינען פּייאיק צו פאַרשטיין נביאות, בלויז נאָכדעם ווי איר דערפולונג האָט זיך אָנגעהויבן; און איצט, האָבנדיק קלאָר פאַר אונדזערע אויגן די זעבאַרע פאַקטן, וואָס ווייזן די דערפולונג פון דער נביאות פון וואָרנונג, געשפּראָכן פון יעזוסן, איז עס די העכסטע צייט, צו נעמען אין אַכט אַזאַ וואָרנונג.

די גרויסע נביאות, געשפּראָכן פון ישוע המשיחן, און

פאַרשריבן אין דעם פינפֿאונצוואַנציקסטן קאַפּיטל פון מתי, באַשטימט די פינקטלעכע צייט, ווען די וואָרנונג מוז ווערן באַקאַנט געמאַכט צו די פשוטע מענטשן, און די צייט ווען זיי מוזן אַנטלויפן, אויב זיי ווילן געפינען אַן אָרט פון שוץ. יהוהס עדות איז געגעבן געוואָרן דער באַפעל, צו „פּריידיקן דידאָזיקע בשורה פון קעניגרייך צו דער וועלט אַלס אַן עדות; און דאַן וועט דער לעצטער סוף זיכער קומען”. (מתי כה:14) פאַר אַ געוויסער צייט, אין געהאָרכזאַמקייט צו דעמדאָזיקן נביאישן באַפעל, איז געהערט געוואָרן איבער דער וועלט אַ ווייט־פאַרשפּרייט אויסרופן דידאָזיקע גוטע נייעס, אָנזאָגנדיק די מענטשן, אַז דאָס קעניגרייך פון הימל איז דאָ און אַז דאָס איז די איינציקע האָפענונג פון דער וועלט. צו יענע וואָס האָבן געזוכט די הערשאַפט פון גערעכטיקייט האָט יעזוס ווייטער געשפּראָכן: „ווען איר וועט אַזויאַרום זען די אָפשייַלעכקייט פון פאַרוויסטונג, וועגן וואָס דניאל דער נביא האָט געשפּראָכן, שטעלט זיך אין דעם הייליקן אָרט, (ווער עס לייענט דאָס, זאָל עס פאַרשטיין:) דאַן לאָזט זיי, וואָס וועלן זיין אין יהודה, אַנטלויפן אין די בערג”. — מתי כד: 15, 16.

דידאָזיקע בשורה איז געווענדט צו יענע, וואָס זיינען „אין יהודה”, און זיי זיינען די יענע, וועלכע ווערן אָנגעוויזן צו אַנטלויפן. די בשורה פון וואָרנונג מוז איבערגעגעבן ווערן פון יענע, וואָס זיינען „פון יהודה”, ווייל יענע זיינען די, וואָס זיינען באַפולמעכטיקט געוואָרן, צו רעדן אַלס עדות פון דעם האַר. אַ „יהודי” איז דער, וועלכער איז איבערגעגעבן צום לויב און דינסט פון יהוה גאָט און וועלכער שטרעבט, צו זיין געהאָרכזאַם צו גאָטס געבאָט. (עברים יג:15) דידאָזיקע יהודים זיינען באַצייכנט אַלס יהוהס עדות, צו וועמען עס איז איבערגעגעבן געוואָרן דאָס עדות־זאָגן פון ישוע המשיחן, און וועלכע, אין געהאָרכזאַמקייט צו זיינע געבאָט, מוזן איבערגעבן דאָסדאָזיקע עדות־זאָגן צו יענע פון דער וועלט, וואָס וועלן הערן. (אַנטפּלעקונג יב:17; ישעיה מג:12) זיי זיינען באַאויפטראָגט געוואָרן פונם האַר, צו דערקלערן, אַז איצט איז דער טאָג פון יהוהס נקמה.

(ישעיה סא: 1, 2) זיי איז באַפוילן אַלס די עדות פון יהוה, פאַרצוברעננען דידאָזיקע בשורה פון וואָרנונג צום נוצן פון די „געפאַנגענע" און יענע גוטוויליקע מענטשן, וואָס זיינען איצט אויף דער ערד, און הייסן די יהונדבס. דידאָזיקע צוויי לעצט־אָנגערופענע קלאַסן זיינען די יענע, וואָס זיינען „אין יהודה", דאָס מיינט צו זאָגן, וועלכע זיינען אין האַר־ציקער סימפּאַטיע מיט גערעכטיקייט און וואָס גאַרן, צו זען גאָטס ווילן געטאָן אויף דער ערד. דידאָזיקע בשורה פון וואָרנונג ווערט זיי איבערגעגעבן אין געהעריקער צייט, אין איינקלאַנג מיט דעם האַרס געבאָט, כדי געבן זיי אַ מעג־לעכקייט, צו אַנטלויפן צום אָרט פון זיכערקייט און געפינען באַשיצונג אין דער צייט פון גרויסע אַנגסטן, וואָס זיינען דראָענדיק און האַלטן אין באַפאַלן די וועלט. דער קלאָרער אונטערשיד צווישן די, וואָס זיינען אין יהודה און יענע, וואָס זיינען פון יהודה, מאַכט אונדז פּייאיק, צו האָבן אַ בעסערע פאַרשטענדעניש וועגן דער נביאות, געשפּראָכן פון יעזוסן, און וואָס איז איצט אין גאַנג פון דערפילונג. עס איז זיכער, אַז קיין גוטס קומט ניט אַרויס פון זידלען און באַ־ליידיקן מענטשן, און מצד יהוהס עדות איז ניטאָ קיין שום פאַרלאַנג, צו חוזקן פון מענטשן. דער אמת פון גאָטס וואָרט מוז פונדעסטוועגן דערקלערט ווערן, און עס איז גאָטס אמת, וואָס טוט ווי יענע, וואָס זיינען קעגנעריש צו דעם. לאָמען דערפאַר באַשטימען לויט דעם וואָרט פון גאָט, ווער עס זיינען דידאָזיקע געפאַנגענע, און ווער „די יהונדבס", כדי מיר זאָלן קאָנען באַגרייפן די אָנווענדונג פון דערדאָזיקער גרויסער נבואה, געשפּראָכן פון ישוע המשיחן.

געפאַנגענע

עס זיינען פאַראַן אַ סך מענטשן אויף דער ערד, וואָס האָבן זיך גאָט איבערגעגעבן מיט אַ נדר אָדער הייליק פאַר־שפּרעכן, צו טאָן דעם ווילן פון גאָט, און וואָס האָבן פאָלג־לעך איינגעשטימט, נאָכצופאָלגן די טריט פון יעזוס קריס־טוסן, נאָר וועלכע האָבן, צוליב שרעק פאַר מענטשן אָדער

צוליב זעלבסטזיכטיקייט, ניט דערפילט געטריי דעם בונד מיטן האר. אזעלכע ווערן געהאלטן געבונדן אדער אין תפיסה פון יענע, וואס זיינען קעגן גאט און זיין קעניגרייך. דער שטן איז דער גרויסער שונא פון גאט, און ער מאכט יעדן מעגלעכן פארזוך, צו האלטן מענטשן ווייט פון יהוה. דער שטן, דער טייוול, איז דער גרויסער באטריגער פון מענטשן, און איינע פון זיינע שטארקסטע מיטלען פון באַ־טרוג איז רעליגיע. ער האט זיך באנוצט מיט רעליגיע זינט דער צייט פון נמרד ביז איצט, צו באטריגן די מענטשן. די היינט־צו־טאג ארגאניזירטע קירכן־סיסטעמען ווערן גע־רופן דאס „ארגאניזירטע קריסטנטום" אדער די „קריסטנ־שאפט". זיי מאכן אן אנשטעל, אז זיי דינען גאט און קריסטוסן, אבער אנשטאט דעם דינען זיי דעם טייוול, וועל־כער האט זיי געקראגן אונטער זיין איינפלוס און האט זיי פאראורזאכט, צו ווערן א טייל פון דער וועלט־ארגאניזאציע. אין די רעליגיעזע סעקטן אדער קירכלעכע ארגאניזאציעס זיינען פאראן א סך מענטשן, וואס גארן, צו דינען גאט. זיי זעען, אז הויפטזעכלעך די קירכן־פירער זיינען שולדיק אין א סך שלעכטע מעשים, אז זיי זיינען אינגאנצן ניט אין איינקלאנג מיט גאט און זיין קעניגרייך, אז די קירך־ארגא־ניזאציע איז געווארן א זעלבסטזיכטיקע, פאליטישע זאך, און אז די וויכטיקסטע אין דער ארגאניזאציע זיינען די גאר־רייכע און די פראפעסיאנעלע פאליטיקאנער. זעענדיק די פילע שלעכטע און אומגערעכטע זאכן, פראקטיצירט אין דידאזיקע רעליגיעזע ארגאניזאציעס, און אז די גייסטלעכע לערנען ניט דעם אמת פון דער ביבל, זיפצן און וויינען יענע מענטשן אין די קירכעס, וואס האבן ליב גאט, צוליב די פילע אומווערדיקייטן און אפשיילעכקייטן, וואס ווערן דארטן פראקטיצירט. פארוואס פארלאזן ניט יענע ערלעכע מענטשן די קירכן־סיסטעמען? דער ענטפער איז, אז די גייסטלעכע האבן געמאכט דידאזיקע אויפריכטיקע מענטשן צו גלויבן, אז עס איז זייער פליכט, צו בלייבן אין די סעקטן אדער קירכן־ארגאניזאציעס, כדי צו דערהויבן די וועלט. די פירער האבן פארשראקן די ערנסטע צו גלויבן, אז אויב זיי פאר־

לאָזן די קירכן־אָרגאַניזאַציעס, וועט עס זיין קאַטאַסטראָפאַל פאַר זיי. דערפאַר פאַרבלייבן די שרעקיקע אין די רעליגיעזע סעקטעס אָדער קירכעס צוליב דער איינגערעדטער מורא, וואָס די גייסטלעכע פלאַנצן איין אין זיי. זיי זיינען ווירקלעך געפאַנגענע, און די הייליקע שריפטן באַצייכענען זיי אַלס „געפאַנגענע”.

ווער פאַרורזאַכט דידאָזיקע געפאַנגענע, מורא צו האָבן צו פאַרלאָזן די קירכלעכע אָרגאַניזאַציעס? די הייליקע שריפטן ענטפערן: „זייער מורא . . . איז אַן איינגעלערנט געבאָט פון מענטשן”. (ישעיה כט:13) דורך זיין נביא האָט יהוה גאָט פאָרויסגעזאָגט דידאָזיקע אומגליקלעכע לאַגע פון די געוויסנהאַפטע קירכן־מיטגלידער, וואָס ווערן געהאַלטן ווי געפאַנגענע אין די תפיסות, אָבער וועלכע בענקען, צו זיין פריי צו דינען גאָט. די הייליקע שריפטן דערציילן וועגן זיי, ווי זיי קרעכצן און קלאָגן צו גאָט צוליב דידאָזיקע עקלדיקייטן, און טוען תפילה אין דעמדאָזיקן געבעט: „העלף אונדז, אָ גאָט פון אונדזער דערלייזונג, פון וועגן דעם כבוד פון דיין נאָמען; און זיי אונדז מציל, און פאַרגיב אונדזערע זינד, אין דיין נאָמענס וועגן. פאַרוואָס זאָלן די נאַציעס זאָגן, וואו איז זייער גאָט? זאָל ער באַקאַנט ווערן צווישן די פעלקער פאַר אונדזערע אויגן, דורך דער נקמה פאַר דעם בלוט פון דיינע קנעכט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן. זאָל פאַר דיר קומען דאָס זיפצן פון די געפאַנגענע; לויט דער גרויסקייט פון דיין מאַכט פאַרהיט יענע, וואָס זיינען באַשטימט צום שטאַרבן”. — תהלים עז:9—11.

ווען די עניוותדיקע און שרעקיקע אין די קירכן־אָרגאַניזאַציעס קריגן אַ בוך, וואָס דערקלערט דעם אמת פון דער ביבל, און דער גייסטלעכער דערוויסט זיך וועגן דעם, צווינגט ער, אַז דאָס בוך זאָל פאַרניכט ווערן; און אַזוויאַרום נעמט ער אַוועק פיל טרייסט פון דער הונגעריקער זעל אין דער קירכן־„תפיסה”. ווען די גייסטלעכע דערוויסן זיך, אַז זייערע געפאַנגענע אין די געפענקענישן הערן די בשורה פון אמת דורך דער ראַדיאָ, באַמיען זיי זיך, צו פאַרווערן דאָס נוצן פון דער ראַדיאָ דורך יענע, וואָס פראָקלאַמירן די בשורה פון

אמת. אַזעלכע גייסטלעכע זיינען ניט נאָר תּפיסה־וועכטער, נאָר פּייניקער פֿון די מיטגלידער פֿון זייער געמיינדע, וואָס זוכן אויסצוגעפינען דעם אמת און וואָס מאַכן אַ פֿאַרזוך, צו דערציילן אַנדערע וועגן דעם. יהוה, דורך זיין נביא, דערקענט דידאָזיקע געפאַנגענע און באַווייזט, אַז דער ערלעכער געפאַנגענער טוט תּפילה אין דעמדאָזיקן געבעט, נעמלעך: „פֿאַרנעם מיין געבעט, וואָרן איך בין זייער נידערגעשלאָגן: זיי מיך מציל פֿון מיינע פֿאַרפֿאָלגער; וואָרן זיי זיינען שטאַרקער פֿון מיר. ברענג אַרויס מיין זעל פֿון דער געפֿענקעניש, כּדי איך זאָל לויבן דיין נאָמען: די צדיקים וועלן מיך אַרומרינגלען, ווייל דו וועסט מיר גוט באַלוינען." (תהלים קמא: 7, 8). ווען וועט דער האַר הערן דעמדאָזיקן געבעט און זיי ענטפֿערן? די נבואה אין תהלים קב ענטפֿערט: „ווען יהוה וועט אויפֿבויען ציון, וועט ער דערשיינען אין זיין הערלעכקייט. ער וועט זיך ווענדן צום געבעט פֿון עלנדן, און ניט פֿאַראַכטן זייער געבעט. דאָס וועט פֿאַרשריבן ווערן פֿאַר דעם שפּעטערדיקן דור; און אַ פֿאָלק, וואָס וועט באַשאַפֿן ווערן, וועט לויבן גאָט. וואָרן ער קוקט אַראָפּ פֿון זיין הייליקער הויך; פֿונם הימל קוקט ער אַראָפּ אויף דער ערד; צו הערן דאָס קרעכצן פֿון געפֿאַנגענעם, פֿרייבינדן יענע, וואָס זיינען באַשטימט צום טויט". — תהלים קב: 16—20.

ציון, וואָס איז גאָטס אָרגאַניזאַציע, איז איצט שוין אויפֿגעבויט. יעזוס קריסטוס, דער הויפּט פֿון דעם, איז אין גאָטס טעמפּל, און ער שיקט אַרויס געטריע עדות, פֿאַרצוטראָגן דאָס געטלעכע וואָרט צו די געפֿאַנגענע, כּדי זיי זאָלן הערן און אויסגעפֿינען דעם וועג פֿון רעטונג; און די געזאַלבטע פֿון גאָט זיינען באַאויפֿטראָגט פֿון אים „צו עפֿענען בלינדע אויגן, אַרויסצוציען פֿון געפֿענקעניש דעם געפֿאַנגענעם, פֿון תּפֿיסה די וואָס זיצן אין פֿינצטערניש." (ישעיה מב:7) דאָס קעניגרייך פֿון גאָט און זיין משיח איז שוין דאָ, און דידאָזיקע געפֿאַנגענע מוזן הערן די בשורה פֿון דעם קעניגרייך, און די יענע וואָס הערן און פֿאָלגן גאָט, באַפֿרייט ער, ווי עס איז געשריבן: „גאָט בינדט אָפּ די

געפאַנגענע: גאָט עפנט די אויגן פון די בלינדע: גאָט גלייכט אויס די איינגעבויגענע: גאָט ליבט די צדיקים".— תהלים קמו: 7, 8.

צוליב דערדאָזיקער אורזאַך, אין געהאָרכזאַמקייט צו גאָטס געבאָט, גייען איצט אום יהוהס עדות דורכן גאַנצן לאַנד און צו יענע אַלע, וואָס האָבן ליב גערעכטיקייט, און, ניט אַכטנדיק אויף קאָנפעסיע און ראַסע, באַמיען זיי זיך, צו העלפן זיי, צו פאַרשטיין דעם אמת; ווי עס שטייט געשריבן: „און גאָט האָט צו אים [זיינע עדות] געזאָגט, גיי דורך אין מיטן שטאָט, אין מיטן ירושלים [וואָס איז אַ נביאיש מוסטער פון דער קריסטנשאַפט], און זאָלסט אָנצייכענען אַ צייכן אויף די שטערנס פון די מענטשן, וואָס זיפצן און קרעכצן אויף אַלע אומווערדיקייטן וואָס ווערן געטאָן אין איר". (יחזקאל ט:4). די בשורה פון וואָרנונג פון יעזוס קריסטוסן צו יענע געפאַנגענע איז איצט: ווען איר זעט דעם גרויל, וואָס ברענגט פאַרוויסטונג, שטעלט זיך אין הייליקן אָרט, דאַן אַנטלויפט אין די בערג!"

די יהונדבס

עס איז פאַראַן נאָך אַן אַנדער קלאַס מענטשן אויף דער ערד, וועלכע ווערן אין די הייליקע שריפטן גערופן „די יהונדבס", דערפאַר ווייל זיי האָבן ליב גערעכטיקייט און האָבן אַ פאַרלאַנג, צו טאָן דאָס, וואָס איז רעכט. זיי זיינען קיינמאָל ניט געווען פאַראייניקט מיט קיין שום רעליגיעזע סעקטע אָדער קירכן־אָרגאַניזאַציעס, ווייל זיי האָבן דאָרט געזען די אויספירונג פון אַזויפיל היפּאָקריטישקייט, אַז זיי האָבן זיך געהאַלטן ווייט פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס. דערדאָזיקער קלאַס מענטשן איז געווען אָנגעדייט דורך אַ מענטשן, וואָס האָט געלעבט אין צייט פון ישראלס נאַציע, וועלכער איז אָבער ניט געווען פון די בני ישראל, און וועמעס נאָמען איז געווען יהונדב. ער און זיינע אָפּשטאַמלער האָבן געטריי זיך באַמיט, צו טאָן, וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען, איז די ריכטיקע זאַך. גאָט האָט באַמערקט זייער פאַרלאַנג נאָך גערעכטיקייט, און, כאָטש זיי זיינען ניט געווען קיין ישראלים,

האָט ער זיי געוויזן גנאָד. יהוא, אַ געטרייער ישראלי און דינער פון גאָט, איז געשיקט געוואָרן, אויסצופירן גאָטס גזר־דין קעגן די היפּאָקריטישע ישראלים, וואָס האָבן זיך אָפּגעקערט צו דינען בעלן, דאָס הייסט, אויסצואיבן די רעליגיע פונם טייוול. די בעל־דינער צווישן ישראל, ווי די הייליקע שריפטן באַווייזן, זיינען געווען דער פּראָפּעטישער אָנדייט אויף דער „קריסטנשאַפט", וואָס האָט זיך ארײנגעלאָזן ביי היינטיקן טאָג אין היפּאָקריטישן דינסט פון טייוול. יהונדב און זיינע אָפּשטאַמלער האָבן פיינט געהאַט היפּאָקריטישקייט, פונקט ווי אַ סך מענער און פרויען דרויסן פון די קירכן־סיסטעמען האָבן ביי היינטיקן טאָג פיינט היפּאָקריטישקייט. יהוא האָט געטראָפן יונדבן און האָט צו אים געזאָגט: „ביסטו אויף מיין זייט צי ניט?" און יונדב האָט תיכף געענטפערט, אַז ער איז מיט יהון. (ב מלכים י: 15, 16) יהוא האָט דאַן גענומען יונדבן ביי דער האַנט און אים איינגעלאַדן, צו פאָרן מיט אים אין זיין רייטוואָגן. מיט דעם ארײנגיין אין רייטוואָגן מיט יהואן האָט יונדב נביאיש געמאָלן דעם קלאַס מענטשן פון גוטן ווילן, וואָס נעמען היינט זייער שטעלונג מיט גאָטס אָרגאַניזאַציע, האָבנדיק אַן ערנסטן פאַרלאַנג צו דינען גערעכטיקייט, און וואָס אַנטזאַגן זיך, מיטצואווירקן מיט וועלכן ניט איז טייל פון דעם שטנס איינריכטונג. דידאָזיקע מענטשן פון גוטן ווילן מוזן איצט ווערן באַלערנט בנוגע יהוהס צוועקן, און דערפאַר שיקט גאָט ארויס זיינע עדות, צו געבן זיי אינפאָרמאַציע און צו זאָגן זיי, אין דער שפּראַך פון די הייליקע שריפטן, ווען צו אַנטלויפן, און צו וועלכן אָרט זיי דאַרפן אנטלויפן. אַזוי ווערט עס קלאָר באַוויזן לויט די הייליקע שריפטן, אַז די ווערטער פון יעזוסן, באַפעלנדיק געוויסע מענטשן צו אַנטלויפן, זיינען געווענדט צו דעם קלאַס געפאַנגענע אָדער צו דער „גרויסער מענגע" און צו יענע גוטוויליקע מענטשן אויף דער ערד, וואָס הייסן אַנדערש די „יונדבס", און אַז עס זיינען גאָט יהוהס עדות וועלכע, אין געהאָרכזאַמקייט צו די געבאָט פון דעם האַר, מוזן באַקאַנט מאַכן דידאָזיקע אויפקלערונג. אַנדערש געזאָגט, יהוהס עדות דאַרפן זיין די

לערער פון יענע צוויי קלאַסן מענטשן, וואָס גאַרן, צו קענען יהוה גאָט און זיין גערעכטע איינריכטונג.

צייט

ווען דאַרפן זיי אַנטלויפן? די ווערטער פון ישוע המשיחן באווייזן, אַז דאָסדאָזיקע אַנטלויפן מוז פּאָרקומען גלייך פאַר דער שלאַכט פון דעם גרויסן טאָג פון דעם אַל־מעכטיקן גאָט. די ווערטער פון יעזוס זיינען געשפּראָכן געוואָרן אַלס טיילווייזער ענטפער צו דער פראַגע, פאָרגעלייגט פאַר אים בנוגע די צייכן פון זיין קומען, פון דעם סוף פון שטנס וועלט, און פון דעם אָנפאַנג פון זיין קעניגרייך. יענע צייט־פּעריאָדע האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1914. נאָכדעם האָט נאָכגעפאָלגט, נאָך 1918, אַ וועלט־פאַרשפּרייטע באַקאַנטמאַכונג וועגן דער בשורה פון נקמה פון אונדזער גאָט, און וועמעס אָנזאָג פון וואָרנונג איז געגעבן געוואָרן די הערשער. עס איז אויגנשיינלעך נאָענט צום סוף פון דערדאָזיקער צייט־פּעריאָדע, ווען „דידאָזיקע בשורה פון דעם קעניגרייך ווערט געפּריידיקט אַלס עדות", אַז די באַזונדערע בשורה פון וואָרנונג מוז דערלאַנגט ווערן די געפאַנגענע און דעם יונדב־קלאַס. וועגן דידאָזיקע ווערט פּאַסיק גע־רעדט, אַז זיי זיינען „אין יהודה", צוליב דעם וואָס זיי ליבן גאָט און זיין גערעכטע קעניגרייך, און ניט דעם טייוול אָדער וועלכן ניט איז טייל פון זיין איינריכטונג. זייער האַרצנס־פאַרלאַנג איז, צו לויבן און דינען יהוה גאָט. דערפאַר זאָגט יעזוס צו זיי: „ווען איר זעט דעם גרויל פון פאַרוויסטונג, דערמאָנט פון דניאל, דעם נביא, שטייענדיק אין דעם היילִיקן אָרט, דאַן אַנטלויפט אין די בערג". דידאָזיקע היילִיקע פאַר־צייכענונג, וואָס דערשיינט אין מאַרקוס יג:14, לייענט זיך: „ווען איר וועט זען דעם גרויל פון פאַרוויסטונג, געשפּראָכן פון דניאל, דעם נביא, שטייענדיק, וואו ער דאַרף ניט (זאָל דער, וואָס לייענט דאָס, פאַרשטיין), דאַן זאָלן די, וואָס זיינען אין יהודה, אַנטלויפן אין די בערג". ווען די „גרויסע מענגע" און די יונדבס האָבן דערהאַלטן דידאָזיקע באַלע־רונג און זעען און פאַרשטייען, וואָס דאָס „היילִיקע אָרט"

איז, און וואָס איז דער גרויל, וואָס פאַרורזאַכט פאַרוויס־טונג, דאַן, אויב זיי ווילן זיך ראַטעווען אין דעם פלאַץ פון שוץ און זיכערקייט, מוזן זיי תיכף אַנטלויפן.

דאָס הייליקע אָרט

דאָס „הייליקע אָרט" איז דאָס הייליקטום פון יהוה גאָט. דאָס איז זיין הויפּט־אָרגאַניזאַציע, פון וועלכער ישוע המשיח איז דער הויפּט. דאָס איז דאָס אָרט פון זיין באוואוינונג. „וואָרן יהוה האָט אויסדערוויילט ציון: ער האָט זי גע־גאַרט פאַר זיין וואוינאָרט. דאָס איז מיין רואונג אויף אייביק; דאָ וועל איך וואוינען; וואָרן איך האָב עס גע־גאַרט". (תהלים קלב: 13, 14). דאָס איז די מלוכה פון גאָט מיט יעזוס קריסטוסן אַלס הויפּט און קעניג, און פאַר־בונדן מיט אים זיינען אַלע מיטגלידער פון זיין מלכותדיק הויז, וואָס זיינען אויך געמאַכט געוואָרן פאַר מלכים און פּריסטער צו גאָט. — אַנטפּלעקונג א:16.

ווען לוציפער, צוליב זיין געזעצלאָזן אויפשטאַנד קעגן גאָט, איז געוואָרן שטן, דער טייוול, האָט גאָט באַקאַנט גע־מאַכט זיין באשלוס, ארויסצוברענגען אַ „זאָמען" פון זיין אָרגאַניזאַציע אָדער איינריכטונג, סימבאָליזירט דורך זיין „ווייב", וועמעס זאָמען וועט נעמען נקמה פאַר גאָטס נאָמען און וועט פאַרניכטן דעם שטן און זיין איינריכטונג. (בראשית ג:15) יענער צוגעזאָגטער „זאָמען" איז ישוע המשיח, און דורך אַלע נביאות פון די הייליקע שריפטן ווערט דער „זאָמען" פון גאָטס צוזאָג און זיין קעניגרייך אויסדריקלעך באַטאָנט. מיטן פאָלק ישראל האָט גאָט אויפגעשטעלט זיין מוסטער־קעניגרייך, דורך וועלכן ער האָט געשאַפן בילדער, וואָס דייטן אָן אויף זיין אמתע מלוכה, און ווייזן אָן, אַז אַמאָל אין דער צוקונפט וועט ער אויפשטעלן זיין קעניגרייך אויף דער ערד, וואָס וועט פולשטענדיק רעכטפאַרטיקן זיין הייליקן נאָמען. דער אורשפּרינגלעכער צוועק פון אַראָפּשיקן יעזוסן אויף דער ערד איז געווען, ער זאָל זיין אַ געטרייער און אמתער עדות פאַר גאָט יהוהן, באַווייזן זיין לויטערקייט און קוואַליפיצירן זיך אַלס רעכטפאַרטיקער פון יהוהס נאָמען.

ווען יעזוס האָט באַוויזן זיין געטריישאַפט צו גאָט, אַפילו ביז צום שענדלעכסטן טויט, האָט גאָט אים אויפגעוועקט פון טויט און אים הויך דערהויבן איבער אַלע באַשעפעניש פון דעם אוניווערס, און האָט באַפוילן, אַז יעדע קני זאָל זיך בויגן פאַר אים און יעדע צונג זאָל צוגעבן אַז ער איז דער משיח, צו דער הערלעכקייט פון יהוה. (פיליפּיאַנער ב: 9—11). גאָט האָט געמאַכט יעזוס קריסטוסן פאַרן הערשער פון דער וועלט, און אין דער באַשטימטער צייט דאַרף זיך אָנהייבן זיין הערשאַפט. די צווייטע אורזאַך פון יעזוסעס קומען אויף דער ערד און פון זיין אָפּפערדיקער טויט איז געווען, אַז ער זאָל אויסלייזן די מענטשלעכע ראַסע און קריגן פולמאַכט פון גאָט, צו געבן לעבן צו אַלע מענטשן, וואָס פאָלגן אים.

ווען דאָס פאָלק ישראל האָט זיך ארויסגעוויזן אומגעטריי צו גאָט און איז פאַרוואָרפן געוואָרן, האָט גאָט דאַן דערקלערט, אַז דאָס מוסטער־קעניגרייך זאָל זיך ענדיקן, און ער האָט דאַן באַקאַנט געמאַכט זיין צוועק, איבערצוגעבן דאָס קעניגרייך צו דעם, „וועמעס רעכט דאָס איז”, מיינענדיק ישוע המשיחן. (יחזקאל כא—כז) ווען דער זון פון דעם אַלמעכטיקן גאָט איז געוואָרן אַ מענטש און האָט דערגרייכט דעם עלטער פון זיינע פולע יאָרן, אי ער געזאַלבט געוואָרן, צו זיין דער קעניג פון דער וועלט, און ער האָט תיכף אָנגעהויבן, צו באַקאַנטמאַכן: „דאָס קעניגרייך פון הימל איז נאָענט”. אין אַלע זיינע לערעס האָט ער אונטערשטראָכן דאָס קעניגרייך. יעזוס האָט דערקלערט, אַז ער מוז אַוועק און באַקומען דאָס קעניגרייך, צוריקקערן זיך און אויפשטעלן זיין מלוכה, פאַרניכטן די רשעים און רעכטפאַרטיקן יהוהס נאָמען, און אַז דאָס וועט ער טאָן צום סוף פון דעם שטנס וועלט. צוליב דער אורזאַך האָבן זיינע נאָכפאָלגער פאָרגעלייגט די פראַגע צו יעזוסן, נעמלעך: „וואָס וועט זיין דער צייכן פון דיין קומען און פון דעם סוף פון דער וועלט?” קריסטוס האָט געזאָגט זיינע נאָכפאָלגער, אַז יהוה האָט געשלאָסן אַ בונד מיט אים פאַר דעם קעניגרייך, און אַז ער האָט איינגעלאַדן זיינע געטרייע נאָכפאָלגער, צו טיילן

זיך מיט אים אין דעמדאָזיקן קעניגרייך. (לוקאס כב:29) צוליב דערדאָזיקער אורזאַך האָבן די געטרייע נאָכפאָלגער פון דעם משיח געהאָפט אויף דעם קומען פון זיין מלוכה.

דאָס מעסיאַנישע קעניגרייך דאַרף זיין און איז אינ־גאַנצן געווידמעט צו גערעכטיקייט, און איז דערפאַר דאָס „הייליקע אָרט" אָדער דאָס אָרט פון געטלעכער פולמאַכט פאַר דער הערשאַפט פון דער וועלט. בלויז יענע, געבאָרן פון גאָטס גייסט און פולשטענדיק געווידמעט צו גאָט און צו זיין זאַך פון גערעכטיקייט, קאָנען ווען־ניט־איז שטיין געהעריק אין דעמדאָזיקן הייליקן אָרט; ווי עס שטייט גע־שריבן: „ווער וועט ארויפגיין אויפן באַרג פון יהוה? ווער קאָן שטיין אויף זיין הייליקן אָרט? דער וואָס האָט ריינע הענט, און אַ קלאָר האַרץ; דער וואָס האָט ניט אויפגעהויבן זיין נשמה צו פאַלשקייט, און וואָס האָט ניט געשוואוירן צום באַטרוג". — תהלים כד: 3, 4.

די קעניגלעכע משפחה אָדער דאָס קעניגרייך פון גאָט איז צונויפגעשטעלט פון יעזוס קריסטוסן און יענע, וואָס זיינען זיינע געטרייע נאָכפאָלגער אַפילו ביזן טויט. די הייליקע שריפטן באַשרייבן דידאָזיקע איינריכטונג אַלס דאָס געהיימניש פון גאָטס קעניגרייך. די נביאים און די הייליקע מלאכים האָבן געפּרואווט, אויסצוגעפינען דעם באַדייט דער־פון, אָבער זיי איז ניט געווען דערלויבט, דאָס צו טאָן, ווייל עס איז דאַן נאָך ניט געוועזן גאָטס רעכטע צייט. (א פעטרוס א: 10—12) פון שבועות אָן און ווייטער האָט גאָט אָנגע־הויבן צו לאָזן וויסן זיין מיסטעריע; פאָלגלעך האָט ישוע געזאָגט צו זיינע געטרייע נאָכפאָלגער: „צו אייך איז גע־געבן געוואָרן, צו וויסן די מיסטעריע פון דעם קעניגרייך פון גאָט". (מאַרקוס ד:11) דאָס געהיימניש פון גאָטס קע־ניגרייך איז דעריבער קריסטוס און די 144,000 מיטגלידער פון זיין קעניגלעך הויז, בנוגע וועלכן עס שטייט געשריבן: „דער סוד איז געווען באַהאַלטן פון צייט־עלטער און פון דורות, אָבער איצט ווערט ער אָפנבאַר פאַר זיינע הייליקע: צו וועמען גאָט האָט געוואָלט באַקאַנטמאַכן, וואָס זיינען די רייכקייטן פון דער הערלעכקייט פון דעמדאָזיקן סוד צווישן

די נאַציעס; וואָס איז קריסטוס אין אייך, די האָפענונג פון הערלעכקייט". (קאָלאָסער א: 26, 27) דאָס הייליקע אָרט איז דערריבער יהוהס קעניגלעך הויז, די קערפערשאַפט פון דעם משיח, אויפגעשטעלט און באקליידט מיט פולמאַכט צו רעגירן די וועלט. אין יאָר 1914 האָט גאָט געזאַלבט יעזוס קריסטוסן אַלס קעניג; ווי עס שטייט געשריבן: „דאָך האָב איך אויפגעשטעלט מיין קעניג אויף מיין הייליקן באַרג ציון". (תהלים ב:6) דאָס באַצייכנט די צייט פון דעם געבורט פון דעם „בן־זכר" אָדער „מענלעכן זון", וואָס וועט רעגירן די וועלט. (אַנטפּלעקונג יב:5) נאָכדעם האָט תיכף נאָכגעפאָלגט אַ מלחמה אין הימל, וואָס האָט געפירט צום ארויסוואַרפן דעם שטן און זיינע בייזע מלאָכים פון הימל און צום אראָפּוואַרפן זיי אויף דער ערד. — אַנטפּלעקונג יב: 7—9.

גרויל פון פאַרוויסטונג

כל זמן די הייליקע שריפטן באווייזן קלאָר און דייטלעך, אַז דאָס משיחישע קעניגרייך פון גאָט איז דער העכסטער טייל פון יהוהס אָרגאַניזאַציע און איז אינגאַנצן פרוכטבאַר, און איז דאָס מיטל פון געבן לעבן צו דעם מענטשן, דאַן איז עס זיכער, אַז דער „גרויל וואָס פאַרורזאַכט פאַרוויסטונג", וועגן וואָס גאָטס נביא האָט געשפּראָכן, איז דער סאַמע קעגנזאַץ פון גאָטס קעניגלעך הויז. דאָס איז פאָלגלעך אַ גרויל, און ער מוז ארויסשטאַמען פון שטן, דעם טייוול. דאָס ברענגט חרפּה און לעסטערונג אויף דעם נאָמען פון יהוה, און קערט אָפּ די מענטשהייט אַוועק פון גאָט. דער טייוול איז דער הויפּט פון רשעות, און זיין גאַנצע אָרגאַניזאַציע איז גאָטלאָז (עפעזער ו: 10—12; א יוחנן ה:19) עס שטייט געשריבן אין גאָטס וואָרט: „דער וועג פון רשע איז אַ גרויל צום האר". (משלי טו:9) דערפון פאָלגט עס אַלס אַ זיכערקייט, אַז דער „גרויל פון פאַרוויסטונג" איז דער פּראָדוקט פון דעם טייוול, דער צוועק פון וועלכן עס איז צו שטעלן זיך קעגן גאָט און צו פאַרומרייניקן זיין הייליקטום, וואָס איז יהוהס הויפּט־אָרגאַניזאַציע

אָדער קעניגרייך־קלאַס. — תהלים קיד:2; יחזקאל כה:3; תהלים צו:6.

באַלד נאָכדעם ווי די מיסטעריע פון גאָטס קעניגרייך איז אַנטפּלעקט און באַקאַנט געמאַכט געוואָרן דורך דעם האַרס שלוחים אָדער אַפּאָסטאָלן, האָט שטן, דער טייוול, אָנגעהויבן, צו אַנטוויקלען אַ באַטריגערישע און היפּאָקריטישע זאַך אין קעגנזאַץ צו דעם, און וועלכע באַטריגערישע זאַך ווערט באַצייכנט אין די הייליקע שריפטן אַלס דער „סוד פון געזעצלאָזיקייט", וואָס ניט נאָר שטעלט עס זיך קעגן גאָט, נאָר „דערהויבט זיך איבער דעם, וואָס הייסט גאָט". (ב טעסאלאָניקער ב: 4—8) שטן דער טייוול, איז דער הויפּט פון די גאָטלאָזע, און דער „סוד פון געזעצלאָזיקייט" איז דעם טייוולס באַטריגערישער און היפּאָקריטישער במקום פאַר דעם קעניגרייך פון גאָט, אונטער וועלכן נאָמען עס זאָל ניט דערשיינען. פון דעם טאָג פון ישועס שלוחים ביז צום קומען פון דעם האַר און זיין קעניגרייך, האָט גאָט ארויסגענומען פון דער וועלט מענטשן פאַר זיין נאָמען, וועלכע זיינען זיינע עדות און דאַרפן ווערן פאַרבונדן מיט ישוע המשיחן. אין משך פון דערזעלבער צייט־פּעריאָדע האָט דער שטן אנטוויקלט זיין באַטריגערישן במקום. אין יאָר 1918 איז יעזוס קריסטוס געקומען צום טעמפּל פון יהוה און האָט ארומגעזאַמלט דעם טעמפּל־קלאַס ארום זיך, און גלייך נאָכדעם האָט דער שטן אויפגעשטעלט זיין במקום פאַר דעם קעניגרייך, וועמעס במקום איז די קאָמבינאַציע פון די נאַציעס אָדער די „פעלקער־ליגע" פון דער „קריסטנשאַפט", און דידאָזיקע ליגע איז „דער גרויל פון פאַרוויסטונג".

באַמערקט, ווי ליסטיק דער טייוול האָט דורכגעפירט זיין צוועק. אַ געוויסע צייט נאָכן טויט פון די אַפּאָסטאָלן איז די רוימיש־קאטוילישע אָרגאַניזאַציע געגרינדעט געוואָרן. אָן שום צווייפל האָט יענע איינריכטונג דאַן געהאַט אין זיך אַ סך געוויסנהאפטע מענטשן; אָבער איינגיכן האָט דער טייוול באַקומען די קאַטוילישע קירך אין זיין מאַכט און געמאַכט פון איר אַ פּאָליטיש־רעליגיעזע־קאָמערציעלע אָרגאַניזאַציע; און אַזוי האָט עס זינט דאַן געווירקט. היינט צו

טאָג איז עס איינע פון די מערכטיקסטע און ליסטיקסטע איינריכטונגען אויף דער ערד. דידאָזיקע רוימיש־קאַטוילישע היעראַרכיע אָדער פּריסטער־הערשאַפט פּאָדערט פאַר זיך דאָס איינציקע רעכט און די אויסשליסלעכע פולמאַכט, צו טייטשן די הייליקע שריפטן, און באַהויפּט, אַז זייער הויפּט, דער פּויפּסט, הערשט אַלס דער שטעלפאַרטרעטער פון קריסטוסן. עס זיינען פאַראַן מיליאָנען גוטע קאַטאָליקן, וועלכע זיינען, לויטן טייטש פון די הייליקע שריפטן, „געפאַנגענע". נאָכדעם איז די פּראָטעסטאַנטישע סיסטעם אָרגאַניזירט געוואָרן, און זי איז אויך אינגיכן געוואָרן אַ רעליגיעזע, פּאָליטישע און קאָמערציעלע איינריכטונג; און די באַהויפּטונג געמאַכט פון דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציע איז, אַז די מלאכים אויף דער ערד הערשן דורך געטלעכער רעכט. געלט, אָדער די ליבע צום פּראָפיט, איז געווען דער בינד־קנופּ, וואָס האָט געהאַלטן די רעליגיעזע, פּאָליטישע און קאָמערציעלע עלעמענטן צוזאַמען. אין דידאָזיקע איינריכטונגען זיינען אָן צווייפל פאַראַן עטלעכע גייסטלעכע און אַ סך אַנדערע, וועלכע, זייענדיק אומוויסנדיק וועגן יהוהס צוועק, ווערן צוליב דערדאָזיקער אורזאַך געהאַלטן אין דידאָזיקע וועלטלעכע איינריכטונגען אַלס געפאַנגענע, אָבער וועלכע קאָנען נאָך זיך ראַטעווען, אויב זיי וועלן האַנדלען שנעל ווי נאָר זיי געפינען אויס דעם אמת. די אידן זיינען אַלעמאָל געווען קעגן יעזוס קריסטוסן, דעם קעניג. ארום דעם סוף פון דער וועלט־מלחמה, 1918, האָט דער שטן באַטראָגן מענטשן און זיי פאַראורזאַכט, צו מאַכן אַ פאַרזוך, צו פאַרייניקן צוזאַמען אַלע רעליגיעס אויף דער ערד אין איין פעסטער קערפּערשאַפט. עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן פון אַלע אַזוינע, אַז זיי וועלן אויסמיידן עפנטלעכע דערמאָנונג אָדער דיספּוטן וועגן וועלכער ניט איז פראַגע, וואָס קאָן אויפוועקן אַ שטרייט אָדער וואָס קאָן עמעצן ערגערן. היינט צו טאָג זיינען די קאַטוילישע, פּראָטעסטאַנטישע און אידישע פירער, און אויך די פירער פון אַנדערע רעליגיעס, געבונדן דורך אַ קעגנזייטיקער איינשטימונג און אַלע זיינען זיי קעגן גאָטס קעניגרייך; זיי אַלע פאַרשטויסן די הייליקע שריפטן, וואָס

דערקלערן, אַז גאָט האָט געמאַכט יעזוס קריסטוסן פֿאַרן קעניג פון דער וועלט און די איינציקע האָפענונג פון דער וועלט. זיי אַלע שטעלן זיך קעגן יעדער עפנטלעכער דערקלערונג, וואָס שטעלט אונטער אַ פרעג־צייכן די אמתדיקייט פון די לערעס פון וועלכער ניט איז קירך־אָרגאַניזאַציע. אויפן אָרט און אָנשטאָט פון גאָטס קעניגרייך אונטער דעם משיח, האָט דער שטן פאַרורזאַכט, אַז דידאָזיקע רעליגיעזע איינריכ־טונגען זאָלן זיך פאַרייניקן און פאַרורזאַכן, אויפצושטעלן די פעלקער־ליגע, וואָס איז די אָפּשײַלעכקייט, וואָס ברענגט פאַרוויסטונג. די מענטשן מוזן איצט אַנטשיידן, וועמען דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס דינען, כדי זיי זאָלן זיך אַליין פאַר־נעמען אויף דעם ריכטיקן דרך. עס שטייט געשריבן אין די הייליקע שריפטן: „ווייסט איר דען ניט, אַז צו וועמען איר גיט זיך אַליין אונטער אַלס דינער צו פאָלגן, זייט איר יענעמס דינער, וועמען איר געהאָרכט; צי פון זינד צום טויט, אָדער פון געהאָרכזאַמקייט צו גערעכטיקייט?" (רוימער ו:16) יעדער מענטש איז פאָלגלעך אָדער פאַר דעם שטנס איינ־ריכטונג אָדער פאַר גאָטס קעניגרייך אונטער קריסטוסן. עס איז איצט ניט פאַראַן קיין מיטל־וועג.

די פעלקער־ליגע

יעזוס האָט זיך באַזונדערס באַצויגן צו דער אָפּשײַ־לעכקייט, וואָס מאַכט חרב, ווי דערמאָנט פון דעם נביא דניאל, אין דידאָזיקע ווערטער: „און חיילות וועלן זיך שטעלן אויף זיין זייט און זיי וועלן פאַראומרייניקן דאָס הייליקטום און די פעסטונג, און זיי וועלן אָפּטאָן דעם שטענדיקן קרבן, און זיי וועלן אויפשטעלן די אומווירדיקייט וואָס מאַכט פאַרוויסטונג". — דניאל יא:31.

באַמערקט די אומבאַשטרייטבאַרע פאַקטן, וואָס שטיצן די שלוסן, אַז די פעלקער־ליגע איז די „אומווערדיקייט פון פאַרוויסטונג". די בריטישע אימפעריע איז די זיבעטע וועלט־מאַכט און פאָלגלעך די באַהערשנדיקע מאַכט פון דער גאַנצער „קריסטנשאַפט", און שטן איז דער „גאָט פון דער איצטיקער

וועלט". (ב קאָרינטער ד:4) דער קרבן דערמאָנט פון דעם נביא דניאל איז דער אומאויפהעריקער קרבן פון לויב און דינסט צו יהוהן, דורכגעפירט פון זיינע געטרייע עדות, וועלכע זיינען אמתע נאָכפאָלגער פון יעזוס קריסטוסן. (עברים יג:15) דורך דער צייט פונם וועלט־קריג האָט די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער אימפּעריע־סיסטעם, ד. ה. די זיבעטע וועלט־מאַכט, אָדער די „קריסטנשאַפט", אָפּגעטאָן דעם אומאויפהעריקן קרבן, אָדער דינסט פון יהוהס עדות, דורך אָפּשטעלן זייער ארבעט, און אַ סך פון יענע עדות זיינען אריינגעוואָרפן געוואָרן אין תּפיסה און טייל פון זיי זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרן. אין יענער צייט איז דער טייוול אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פונם הימל, און וויסנדיק, אַז די צייט ביז האַרמאַגעדאָן איז קורץ, ווען ער וועט מוזן קעמפן, האָט ער אָנגעהויבן צנויפזאַמלען אַלע נאַציעס פון דער „קריסטנשאַפט" צו באַטייליקן זיך אין יענער גרויסער שלאַכט, ווי עס איז באַהויפּט אין אַנטפּלעקונג יב:12; טז:13־16.

דער טייוול האָט זיך אַלעמאָל באַנוצט מיט רעליגיע, צו געבן זיינע שענדלעכע דריידלעך אַ דרויסנדיקן אָנציענדיקן אויסזען. און טוענדיק אַזוי האָט ער אָפּגענאַרט מיליאָנען ערלעכע מענטשן. אין יאָר 1918 און איידער די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט די „נאַציאָנאַלע קאָמיטע פון קירכעס" אַרויסגעגעבן אַ ביכל מיטן נאָמען „פעלקער־ליגע פּלאַנירט פאַר דיסקוסיע". פון דעמדאָזיקן ביכל ווערן די פאָלגנדיקע ווערטער ציטירט:

„דאָס צוזאַמענאַרבעטן פון די פאַרבינדטע (אַליאירטע) איז געווען דער גרעסטער עקספּערימענט פון דער וועלט אין ברודערשאַפט". „אין ענגלאַנד האָבן זיך דערקלערט צוגונסטן פון דער פּראָגראַם די מעכטיקע בריטישע אַרבעטער פּאַרטיי, די אַנגליקאַנישע און פרייע קירכעס, געשעפטן און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס". „די אייפערדיקע פאַרטיידיקער פון דער פעלקער־ליגע זיינען דער פּרעמיער לאָיד דזשאָרדזש, דער געוועזענער פּרעמיער אָסקוויט, וויסקאָונט בראַיס, וויסקאָונט גרעי, אַרטור באַלפור, דער ערצבישאָף פון קענטעבורי, און

הונדערטער אַנדערע פּראָמינענטע מענער און פרויען פון יעדער שיכט פון לעבן.״

דער אָפּמאַך פון דער „פעלקער־ליגע״ איז געשריבן געוואָרן פון דעם בריטישן גענעראַל סמאָטס. פּרעזידענט ווילסאָן איז געווען זיין הויפּט־פּירשפּרעכער, און די גרויסע רעליגיאָניסטן האָבן באַקליידט די זאַך מיט מענטש־געמאַכטע „הייליקע קליידער״. דער לאָנדאָנער „דעילי עקספּרעס״ פון 30סטן אַפּריל 1931 האָט געשריבן: „בריטאַניע איז די פעלקער־ליגע. מיר זיינען איר גרויסער כוח״. די אינטערנאַציאָנאַלע באַנקירן שטיצן די פעלקער־ליגע מיט זייער געלט. אַ סך פון די מעכטיקע אין יענער פינאַנציעלער מאַכט ווערן גערופן אידן; אָבער פאַקטיש זיינען זיי ניט קיין אידן. עס איז אמת, אַז זיי זיינען אָפּשטאַמלער פון דעם בלוט פון עברים, אָבער דאָס וואָרט „איד״ אָדער „יהודי״ מיינט באמת איינעם, וואָס דינט און לויבט יהוהן. די אינטערנאַציאָנאַלע באַנקירן זיינען דאָס ניט. זיי האָבן געמאַכט גאָלד פאַר זייער גאָט. דער „ניו־יאָרק אַמעריקאַן״ פון 8טן מערץ 1934 האָט פאַרעפנטלעכט דאָס פאָלגנדיקע: „די אַרומכאַפּנדיקסטע פּראָפּאַגאַנדע־מאַשין, וואָס איז ווען ניט איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין אַמעריקע, איז פאַרנומען איצט מיט אַ פאַרזוך, אַריינצוצווינגען די פאַראייניקטע שטאַטן אין די פעלקער־ליגע און אין איר וועלט־געריכט, אַזוי פאַרעפנטלעכט אַן אויספאָרשונג. געשטיצט פון פאָנדן פון אומגעפער 15,000,000 דאָלער, פאַרמעסט זי זיך אין אַ פאַרזוך, צו קאָנטראָלירן די עפנטלאַכע מיינונג דורך די שולן, ביבליאָטעקן, קירכעס און דורך די ציווילע אַן פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס בנוגע דער פראַגע פון אַמעריקעס אָנטיילנעמען אין אינטערנאַציאָנאַלע ענינים.״

רעליגיאָניסטן

די גייסטלעכע באַהויפּטן, אַז זיי דינען גאָט און קריסטוסן, און אפשר זיינען טייל דאָ צווישן זיי, וועלכע פאַרלאַנגען ערנסט, דאָס צו טאָן; אָבער ווי די הייליקע שריפטן

דערקלערן, זיי זיינען די דינער פון דעם יענעם, וועמען זיי דינען פאקטיש, אדער גאט אדער דעם טייוול. (רוימער ו׳:16) די פאקטן ווייזן, אז די גייסטלעכע, קאטוילישע און פראטעס־טאנטישע און אידן שטיצן אונטער און דינען דער פעלקער־ליגע, וואס איז דעם טייוולס א פארטל, און אז זיי זיינען קעגן גאטס קעניגרייך אונטער קריסטוסן, און אז זיי זיינען אריינגעטראטן אין א קאנספיראציע קעגן דעם. (תהלים ב: 2, 3; פג:2—5) די פעלקער־ליגע איז געשטעלט געווארן פון דידאזיקע ארגאניזאציעס „אין דעם הייליקן ארט", ד. ה. „וואו דאס דארף ניט זיין", און דארטן שטייט עס אלס דער במקום פון גאטס קעניגרייך; און דאס איז אן אומ־ווערדיקייט אין די אויגן פון יהוה. נעמט אין אכט טייל ווייטערדיקע באווייזן אלס א באקרעפטיקונג פון דערדאזיקער באהויפטונג: אין יאנואר 1919 האט די פעדעראציע פון קירכעס ארויסגעגעבן די פאלגנדיקע באקאנטמאכונג: „עס איז געקומען די צייט, צו ארגאניזירן די וועלט פאר אמת, רעכט, גערעכטיקייט און מענשלעכקייט, צוליב דעם צוועק גארן מיר, אלס קריסטן, די גרינדונג פון א ליגע פון פרייע פעלקער ביי דער קומענדיקער שלום־קאנפערענץ. אזא ליגע איז ניט בלויז א שלום־פלאן: עס איז ענדער דער פאליטישער אויס־דרוק פון גאטס קעניגרייך אויף דער ערד."

די פאלגנדיקע ציטאטן זיינען פון די ארויסגעגעבענע באריכטן פון דעם „פעדעראלן קאנציל פון קירכעס פון קריס־טוס", נעמלעך: „די העכסטע האפענונג פאר דער צוקונפט איז אין דער פעלקער־ליגע. דאס איז די איינציקע באשטימטע זאך פון ווערט, וואס איז ארויסגעקומען פון דער מלחמה. דער שלום פון דער וועלט און די האפענונג פון דער מענטשהייט רוען אויף דער געהעריקער פארשטארקונג און די פונקציאני־רונג פון דער ליגע". קאטאליקן, פראטעסטאנטן און אידישע גייסטלעכע פאראייניקן זיך אין דעמדאזיקן פארזוך, ווי דאס ווערט באוויזן פון דעם פאלגנדיקן, ציטירט פון דעם דער־מאנטן באריכט: „איידער דער פאריזער בונד איז דערשינען, האט די איצטיקע קאמיטע רעדאקטירט און ארויסגעגעבן א סעריע פון זעקס לעקציעס וועגן דער פעלקער־ליגע, וועלכע

איז פאַרשפרייט געוואָרן אין די קירכעס, און אַרום אַ הונ־
דערט טויזנט עקסעמפּלאַרן זיינען פאַרנוצט געוואָרן. די גאַנצע
אַרבעט קאָסט אַרום הונדערט טויזנט דאָלער, און דורך דער־
קאָמיסיע וועגן אינטערנאַציאָנאַלער גערעכטיקייט און גוטן
ווילן זיינען געוואונען געוואָרן אַלע פירנדיקע פּראָטע־
סטאַנטישע רעליגיעס, און דורך דער קירכן־שלום־פאַראייניקונג
און דער וועלט־אַליאַנץ זיינען די רוימישע קאַטאָליקן
און די אידן צוגעצויגן געוואָרן, אַזוי אַז די נאַציאָנאַלע
קאָמיטע פון די קירכעס וועגן די מאָראַלישע צילן פון קריג
קאָן פאַרעכנט ווערן צו זיין וואַרשיינלעך די שטעלפאַרטרעטנ־
דיקסטע קאָמיטע, וואָס האָט ווען־ניט־איז אין אַמעריקע גע־
מאַכט אַ פאַרזוך, צו רעדן אין נאָמען פון דעם גאַנצן רעלי־
גיעזן לעבן פון אונדזער פאָלק. ווען די מלחמה איז געקו־
מען צו אַ זיגרייכן סוף, האָבן מיר זיך גלייך אָנגעשלאָגן אויף
דער נויטווענדיקייט, אָנצוהייבן אַרבעטן, צו העלפן בויען אַ
נייע וועלט־אָרדענונג, אין וועלכער עס זאָל אוממעגלעך ווערן
אויף אייביק, איבערצו׳חזר׳ן אַזאַ קאַטאַסטראָפע פאַר דער
ציוויליזאַציע״. (באַריכט פאַר 1920, זייט 160) די דאָזיקע
אָרגאַניזאַציעס ווערן אָפּגעהאַלטן, פון לייקענען איצט זייערע
אייגענע ווערטער, וואָס באַווייזן, אַז זיי נעמען אָן די ליגע
אַלס אַ במקום פאַר גאָטס קעניגרייך.

דער באַריכט זאָגט ווייטער: „תיכף נאָך דער קאָנפע־
רענץ וועגן באַשרענקן די באַוואָפנונג איז אַרויסגעשוואומען
די פראַגע פון לאָזן וויסן דעם עולם וועגן אירע דערגריי־
כונגען און זייערע באַדייטן, און וועגן פאַרזיכערן זיך מיט
דער צושטימונג פון דער עפנטלעכקייט, וואָס זאָל פירן צו
דער ראַטיפיקאַציע פון די אָפּמאַכן. דאָס איז דורכגעפירט
געוואָרן אויף אונדזער געוויינלעכן אופן, אַ ספּעציעלער בריוו
איז אַרויסגעשיקט געוואָרן צו אַלע לאָקאַלע קירכעס, וואָס
זיינען אין דעם באַשטאַנד פון דעם פעדעראַלן קאָנציל.
דער דאָזיקער בריוו איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דער
קירכן־שלום־פאַראייניקונג צוזאַמען מיט ענלעכע מיטטיילונגען
פון דעם נאַציאָנאַלן קאַטוילישן וואויל־

זיין־קאָנציל און פון די צוויי נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס
פון אידישע ראַביים". באַריכט פון 1922.

די פעדעראַציע פון קירכעס אָדער רעליגיאָניסטן האָבן
לעצטנס געגרינדעט אַ נייע אַקציע־געזעלשאַפט כדי אויסצו־
שפרייטן די פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער פעלקער־ליגע, און זיי
רופן עם די פעלקער־ליגע־אַסאָסיאַציע, אינקאָרפּאָרירט. אי־
פרעזידענט איז איינער אַ רעימאָנד ב. פאָסדיק. אין פעברואַר
1934 האָט זי פאַרעפנטלעכט אַ בריוו, אונטערגעשריבן פון
איר פרעזידענט, אויפפאָדערנדיק דאָס אַמעריקאַנער פאָלק,
אַריינצוטרעטן אין דער פעלקער־ליגע; און, צווישן אַנדערע
זאַכן, ווערן אין יענעם בריוו באַנוצט דידאָזיקע ווערטער:
„די זאַך פון דער פעלקער־ליגע איז
ביי היינטיקן טאָג מער נויטיק איי־
דער ווען־ניט־איז זינט איר גרינ־
דונג... אין אַ וועלט, אַזאַ פינצ־
טערע ווי די איצטיקע, פאַרוואָס
פאַרלעשן דאָס איינציקע ליכט, וואָס
איז פאַראַן?"

די הייליקע שריפטן דערקלערן אַז יעזוס קריסטוס און
זיין קעניגרייך איז דאָס ליכט פון דער וועלט און איז די
איינציקע האָפענונג פון דער וועלט. (יוחנן ח:12; מתיא יב:
18—21) אַזוינאָך זיינען די באַווייזן ענדגילטיק, אַז די פאַר־
שלעגער פון דער פעלקער־ליגע האָבן פאַראורזאַכט, אַז זי זאָל
זיך שטעלן אין דעם היילקן אָרט, וואו זי דאַרף ניט שטיין.
באַהויפּטנדיק, אַז זי באַזיצט די גרויסע טוגנד, צו זיין דאָס
ליכט און די האָפענונג פון דער וועלט. די הייליקע אויפצייכנונג
דערקלערט, אַז דאָס איז אַן אָפשיילעכקייט אין גאָטס אויגן,
און אַז דאָס איז דער גרויל, וואָס ברענגט פאַרוויסטונג",
ווייל דאָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַלס אַ במקום פאַר
גאָטס קעניגרייך. דידאָזיקע פאַקטן זיינען איצט פאַרעפנט־
לעכט, דורך דעם גנאָד פון גאָט, אַזוי אַז די געפאַנגענע אין
די מענטשן פון גוטן ווילן, די יונדבס, זאָלן דערהאַלטן די
וואָרנונג, ווי זי איז דערקלערט אין דעם וואָרט פון גאָט,

און אַז זיי זאָלן אומגעזאַמט זוכן דאָס איינציקע אָרט פֿון שוץ און זיכערקייט.

אויגנשיינלעכער צוועק

די פֿעלקער־ליגע באַהויפּט, צו זיין דאָס ליכט פֿון דער וועלט; און דער אויגנשיינלעכער צוועק דערפֿון איז, צו גאַראַנטירן וועלט־שלום און גוטן ווילן צווישן מענטשן; פֿאָלגלעך פֿאַרייניקן זיך צוזאַמען קאַטאָליקן, פּראָטעסטאַנטן, אידן, קריסטלעכע וויסנשאַפֿטלער, און אַנדערע רעליגיאָניסטן, און פֿייערלעך שטימען זיי איין, גאָרניט צו זאָגן איינער וועגן דעם צווייטן, וואָס קאָן פֿאַרורזאַכן רייבונג אָדער פֿאַרדרוס, און דערפֿאַר באַקעמפֿן און אַטאַקירן זיי יעדן איינעם, וואָס וואַגט, צו זאָגן דעם אמת וועגן דער אָנגעלעגנהייט. אין אַנדערע ווערטער: זיי זיינען וויליק, צו אָפּפֿערן דעם אמת אין זייער פֿאַרזוך, צו דערגרייכן שלום אין יעדן פּרייז. קלאָר, דאָס איז שטנס אַ פֿאָרטל, צי דידאָזיקע מענטשן ווייסן דאָס, צי ניט. פֿאַר דעם צוועק, כדי דורכצופֿירן דעמדאָזיקן פֿאָרטל, פּרובירן די גרויסע ראַדיאָ־קאָרפּאָראַציעס, צו באַשטימען, וואָס די מענטשן זאָלן אָדער זאָלן ניט הערן וועגן די הייליקע שריפֿטן, און זיי מאַכן באַקאַנט זייער צוועק, ניט צו דערלויבן, פֿאַרשפּרייטן דורך דער ראַדיאָ צו די מענטשן דאָס, וואָס קאָן פֿאַראורזאַכן אַ פֿאַרדרוס צו וועלכער־ניט־איז קירך־אָרגאַניזאַציע. דאָס איז אַ פּאָליטישע באַוועגונג, וואָס באַהאַלט זיך הינטער אַ רעליגיעזן מלבוש און צוליב וועלכער אורזאַך אַ סך ווערן אָפּגענאַרט. דאָס איז אַ ווייטערדיקער באַווייז, אַז דערדאָזיקער פֿאָרטל שטאַמט ניט פֿון דעם מענטשן, נאָר אַז דער טייוול איז דער פֿאָטער פֿון דעם, און אַז ער מאַכט אַ פֿאַרזוך, איינצושלעפֿערן די פֿעלקער און האַלטן זיי אין אומוויסנקייט וועגן דעם אמת, בעת ער גייט אָן מיטן אויספֿירן זיין נידערטרעכטיקן פּלאַן.

אלס אַ ביישפּיל פֿון די מעטאָדן, וואָס ווערן באַנוצט, צו פֿאַרהיטן די מענטשן הערן דעם אמת, קאָן פֿאַרעכנט ווערן דער געזעץ־פּראָיעקט, וואָס דאַרף ערשט באַטראַכט ווערן פֿון

דער לעגיסלאַטיווער קערפערשאַפט פון דעם שטאַט ניו דזשוירזי, וועלכער, אויב ער וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ געזעץ, וועט מאַכן אוממעגלעך פאַר ווען־מען־ניט־איז, צו דערציילן די מענטשן דעם פשוטן אמת פון גאָטס וואָרט בנוגע דער איצטיקער צייט פון גרויסער געפאַר. מען באַהויפט, אַז דאָסדאָזיקע פאָרגעשלאָגענע פאַרלוימדונג־געזעץ איז צוליבן שוץ פון רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס און צליב גאַראַנטירן די פרייהייט פן וואָרט. פונקט דאָס קעגנזעצלעכע שיינט צו זיין דער צוועק דערפון. אַן ענלעכער געזעץ־פראָיעקט איז פאָרגעשלאָגן אין דער ניו יאָרקער אַסעמבלי (געזעץ־געבנדיקע פאַרזאַמלונג) און אַן ענלעך פאָרגעשלאָגן געזעץ ליגט איצט פאַר די לעגיסלאַטיווע קערפערשאַפטן פון די פראָווינצן פון קאַנאַדע. דאָס אַליין איז אַ באַווייז, אַז דאָס פאָרגעשלאָגענע נייע פאַרלוימדונג־געזעץ בנוגע רעליגיעס שטאַמט ניט אָפּ פון ניו דזשוירזי, נאָר אַז עס קוואַלט פון אַ סך שטאַרקערן קוואַל. דער אמתער צוועק פון דעם פאָרגעשלאָגענעם געזעץ איז, אַרויפצוצווינגען אַ שווייגן אויף אַלע עדות פון דעם אמת בנוגע גאָטס קעניגרייך, בעת אַ מעכטיקע אָרגאַניזאַציע, אונטערן מלבוש פון רעליגיע, באַוועגט זיך פאַרווערטס, צו פאַרכאַפן די גאַנצע מאַכט, וואָס איז איצט נאָך אין די הענט פון פאָלק. שטנס פאַרטעל איז, אָפצוהאַלטן דאָס פאָלק פון הערן דעם אמת פון גאָטס וואָרט, און צו טאָן דאָס דורך פאַרשטאָפן די מיילער פון יעדן איינעם, וואָס וואָלט עדות־געזאָגט אַלס אַן עדות פאַר יהוהס נאָמען און פאַר די ברכות, וואָס זיין קעניגרייך וועט ברענגען דער מענטשהייט. איך וואָרן ווידער דאָס פאָלק, אַז די גרויסע שלאַכט פון האַרמאַגעדאָן איז זייער נאָענט, און אַז איצט נוצט דער שטן יעדן מיטל אין זיין מאַכט, אָפצוהאַלטן די מענטשן פון אויסגעפינען די אורזאַך פון יענער שלאַכט, וואָס וועט זיין דער סוף דערפון, און וואָס איז דאָס איינציקע מיטל פן זיכערקייט פאַר די מענטשן. עס קאָן ניט עקזיסטירן קיין שום אורזאַך, צו באַשיצן די אמתע רעליגיע דורך געזעץ פון רכילות אָדער פאַרלוימדונג, ווייל דאָס, וואָס איז אמת, איז אָפן פאַר דער דורכדרינגענדיקסטער קריטיק, און איז זיכער,

אַרויסצוקומען פֿולשטענדיק אומבאַשעדיקט פֿון אַזאַ קריטיק. בלויז דער טעות זוכט אַ באַהעלטעניש פֿון דעם דורכדרינגענדיקן ליכט פֿון אמת. מיר גלויבן אין פֿאַרטרויען יהוה און זיין קעניג, און אַז דער אמת וועט איצט ווערן דערהויבן, און אַז יעדער איינער וואָס שטעלט זיך איין אינגאַנצן פֿאַר גערעכטיקייט און אמת, וועט געפֿירט ווערן אין דעם זיכערן דרך.

וואָרנונג

זאָל דער געפֿאַנגענער קלאַס, וואָס איז איצט אין די פֿאַרשידנסטע קירכעס, און אַלע מענטשן פֿון גוטן ווילן אויף דער וועלט, נעמען אין אַכט די וואָרנענדיקע ווערטער פֿון ישועון, וועלכער האָט געזאָגט: „דער וואָס לייענט, זאָל ער פֿאַרשטיין”. דאָס קעניגרייך פֿון גאָט אונטער דעם משיח איז דאָ, און דער טייוול און זיינע אינסטרומענטן האָבן פֿאַראורזאַכט די פֿעלקער־ליגע, אַן אויסמיידונג און אַ באַטריגערישער במקום פֿון גאָטס קעניגרייך, צו שטיין דאָרט, וואו זי דאַרף ניט שטיין; און דידאָזיקע ליגע איז די „אָפּשיילעכקייט פֿון פֿאַרוויסטונג, געשפּראָכן פֿון דניאלן, דעם נביא.” דער פֿאַקט, וואָס רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס שטיצן די פֿעלקער־ליגע, איז אַן ענדגילטיקער באַווייז, אַז אַזעלכע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס זיינען קעגן יהוה גאָט און זיין קעניגרייך.

אויב איר האָט איינגעשטימט, צו דינען גאָט און דעם משיחן, און אויב איר גאַרט, צו קריגן גנאָד פֿון דעם קעניגרייך פֿון גאָט און דינען אים, דאַן זייט איר „אין יהודה”, ד. ה. איר זייט אין יענעם האַרץ־צושטאַנד, וואָס איז אויף גאָטס זייט. זעט איר דעם אמת? און דערבליקט איר דעם „גרויל” שטיין דאָרט, וואו ער דאַרף ניט שטיין? דאַן, זאָגט יעזוס, דער קעניג: „אַנטלויפֿט אין די בערג!” פֿאַרזאַמט ניט, נייערט אַנטלויפֿט איצט, ווייל אין זייער אַ קורצער צייט וועלן די גרויסע צרות פֿון האַרמאַגעדאָן זיין איבער דער וועלט, און דאַן וועט עס זיין צו שפּעט צו אַנטלויפֿן. ווי אַזוי קאָנט איר אַנטלויפֿן? דורך שטעלן זיך אָן מורא און אומצווייפֿלהאַפֿט אויף דער זייט פֿון גאָט און זיין קעניג־

רייך אונטער קריסטוסן, און דורך אַנטזאָגן זיך איינגיין אויף קאָמפּראָמיסן מיט דער שטנס־איינריכטונג. אויב איר זייט אין וועלכער־ניט־איז פּאָליטישער קירך, טרעט אַרויס און אַנטזאָגט זיך, צו האָבן עפּעס געמיינשאַפטלעכעס מיט די דאָזיקע אומגערעכטע אָרגאַניזאַציעס. אויב איר זייט אין דער וועלט, (דאָס הייסט ניט קיין מיטגליד פון וועלכער־ניט־איז רעליגיע־אָרגאַניזאַציע), און אויב איר זייט פון גוטן ווילן צו גאָט, זאָל עס באַוואוסט זיין, אַז איר זייט אויף דער זייט פון יהוה גאָט און זיין קעניגרייך, און זייט פלייסיק, אייפערדיק, צו דערציילן אַנדערע וועגן דעם. — אַנטפּלעקונג כב:17.

עס זיינען פאַראַן, אָן צווייפל, געוויסע ערלעכע און געוויסנהאַפטע פריידיקער אין דידאָזיקע קירכעס, וואָס האָבן נאָך ניט געזען, אַז דעם שטנס במקום פאַר דעם קעניגרייך פון גאָט איז די אויבנדערמאָנטע גאָטלאָזע פאַרבינדונג. אויך זיינען פאַראַן געוויסע אויפריכטיקע מענטשן אין דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האַלטן דאָרט הויכע אַמטן, און דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס ווערן סימבאָליזירט מיט אַ הויז. יענע, וואָס זיינען אין די הויכע שטעלונגען, ווערן בילדלעך דערמאָנט אַלס די זייענדיקע אויפן „דאַך”; און צו זיי זאָגט יעזוס: „זאָל יענער, וואָס איז אויפן דאַך, ניט אַרונטערגיין, צו נעמען וואָס־ניט־איז אַרויס פון זיין הויז.” (מתיא כד:17). אין אַנדערע ווערטער: טיילט זיך פולשטענדיק אָפּ פון די אומהייליקע אָרגאַניזאַציעס און נעמט פון זיי גאָרניט מיט זיך. ווען איר זעט דעם אמת, נידערט ניט אַראָפּ, צו נעמען עטוואָס, וואָס איר אפשר פאַרלאַנגט מיטצונעמען פון דער אָרגאַניזאַציע; נייערט אַנטלויפט תיכף צו גאָטס קעניגרייך און ציט די אויפמערקזאַמקייט פון אַנדערע, צו פאַרייניקן זיך מיט אייך אין אייער אַנטלויפן.

איר זייט אפשר אַ מיטאַרבעטער פון אַ וואוילטעטיקייט־געזעלשאַפט און דינט געוויסנהאַפטיק אונטער דער אויפזיכט פון אַ קירך־אָרגאַניזאַציע; און דורך אייערע קליידער דערקענט מען אייך אַלס אַזעלכן. צו אייך זאָגט יעזוס: „ווען איר זעט דעם גרויל, וואָס מאַכט חרוב, שטיין אין דעם הייליקן אָרט, וואו ער דאַרף ניט שטיין, דאַן אַנטלויפט;

ווארנונג, צו אנטלויפן איצט. זייט 52.

און זאָל יענער, וואָס איז אין פעלד, ניט אומקערן זיך, צו נעמען זיין מלבוש". פּרובירט ניט, צו נעמען מיט זיך אייער אידענטיפיקאַציע אַלס אַ וואוילטעטיקער קירך־אַרבע־טער, ווייל יענע אָרגאַניזאַציע איז אַ טייל פון דער וועלט שטנס, און דער האַר זאָגט צו אייך: „האַלט זיך פלעקלאָז פון דער וועלט, ווייל די וועלט איז גאָטס שונא". (יעקב א:27; ד:4) עס קאָן ניט זיין קיין שום געמיינשאַפטלעכעס צווישן דער אָרגאַניזאַציע, פון וועלכער שטן איז דער גאָט, און דעם משיחס קעניגרייך; פאָלגלעך איז עס געשריבן אין די הייליקע שריפטן: „וואָס פאַראַ איינשטימיקייט האָט דער משיח מיט בליעלן?, אָדער וואָס פאַראַ חלק האָט דער גלויביקער מיט אַן אומגלויביקן? דעריבער קומט ארויס פון צווישן זיי, און זייט אָפּגעטיילט, זאָגט דער האַר, און רירט ניט אָן די אומריינע זאַך; און איך וויל אייך אויפ־נעמען. — ב קאָרינטער ו: 15, 17.

אין די קירכן־אָרגאַניזאַציעס זיינען פאַראַן עטלעכע, וועמען איר האָט געלערנט, און וועלכע דערוואַרטן פון אייך הילף, און דערפאַר רעדט איר וועגן זיי ווי וועגן אייערע „קינדער". מען קאָן אייך זאָגן, אַז „איר מוזט פאַרבלייבן אין די קירכן־אָרגאַניזאַציעס און אַזוינאַך טרייסטן און העלפן יענע, וואָס זיינען אייערע „קינדער". אַלס ענטפער דערצו זאָגט יעזוס צו אייך: „ווי צו די שוואַנגערע און צו די זויגנדע אין יענע טעג!"—מתיא כד:19.

די „ווינטער־צייט" איז די שווערע צייט, און די צייט, ווען דער גרויסער קאַמף גייט אָן. דאָס סימבאָליזירט די צייט פון האַרמאַגעדאָן. דער „שבת־טאָג" איז די צייט, ווען די גאַנצע אַרבעט פון אויפקלערן אַנדערע וועגן דעם אמת בנוגע דעם קעניגרייך איז אָפּגעטאָן. פאָלגלעך איז אין די־דאָזיקע צייטן צו שפּעט צו אַנטלויפן; דערפאַר זאָגט יעזוס: „טוט תפילה, אַז אייער אַנטלויפן זאָל ניט זיין אין ווינטער, אָדער אינם שבת: ווייל דאַן וועט זיין אַ גרויסע נויט, אַזאַ וואָס איז ניט געווען זינט דעם אָנהייב פון דער וועלט ביז דער איצטיקער צייט, און וועט אויך ניט מער זיין". (מתיא

כד:21,20) ווען איר זעט דידאָזיקע אמתן, וואַרט ניט. אַנטלויפט איצט!

בערג

וואָס איז דער באַדייט פון ישועס ווערטער, געווענדט צו די געפאַנגענע אין די קירכעס, און צו די מענטשן פון גוטן ווילן, נעמלעך: „אַנטלויף איצט אין די בערג"? דאָס וואָרט „בערג" איז אין מערצאָל. אין די הייליקע שריפטן איז „באַרג" אַ סימבאָליש וואָרט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר גאָטס איינריכטונג. דורך זיין נביא דניאל, אין קאַפּיטל צוויי, גיט גאָט די לייזונג צו דער זאַך. יהוהס אוניווערסאַלע אָרגאַניזאַציע איז געגליכן צו אַ גרויסן „באַרג", און ישוע המשיח, זיין געזאַלבטער קעניג, איז געגליכן צו אַ שטיין.

גאָט האָט דערקלערט זיין צוועק, פאָרצוברענגען אַ „זאָמען", דורכצופירן זיין ווילן און אויפשטעלן אַ קעניגרייך, צו רעגירן די וועלט, וועלכער צוגעזאָגטער זאָמען איז קריסטוס, דער קעניג. צווישן די זינבילדער, באַנוצט אין די הייליקע שריפטן און באַשרייבנדיק דאָס קעניגרייך אונטער קריסטוסן, איז פאַראַן דידאָזיקע דערקלערונג: „דער שטיין, וואָס די בויער האָבן פאַרוואָרפן, איז געוואָרן דער הויפּט-עקשטיין. דאָס איז דעם האַרס טואונג; דאָס איז וואונדערלעך אין אונדזערע אויגן." (תהלים קיח:23,22) קריסטוס, דער קעניג, איז דער „גרונט-שטיין", דער „טייערער עק-שטיין" פון יהוהס הויפּט-אָרגאַניזאַציע. (ישעיה 16:28) אין דניאלס נביאות שטייט עס געשריבן: „דער שטיין איז אויסגעשניטן געוואָרן פון דעם באַרג אָן הענט", מיינענדיק, אַז יהוה גאָט ברענגט אַרויס פון זיין אוניווערסאַלער איינריכטונג דעמדאָזיקן שטיין, זיין געזאַלבטן קעניג, און אַז ער טוט דאָס אָן נוצן מענטשלעכע הענט. דאָס ווערט געטאָן דורך גאָטס קראַפט. די נביאה זאָגט דאַן: „דער שטיין... איז געוואָרן אַ גרויסער באַרג, און האָט אָנגעפילט די גאַנצע ערד." (דניאל ב:35,34) דער שטיין איז דער קעניג פון יהוהס הויפּט-אָרגאַניזאַציע, דער הויפּט פון דעם קעניגרייך איז יעזוס קריסטוס; און דעם

משיחס מלוכה הייסט „בארג ציון", דאָס וואוינאָרט פון יהוה. אזוינאָך זיינען דערקענט דער גרויסער „בארג", אָדער יהוהס אוניווערסאַלע אָרגאַניזאַציע, און זיין קעניגרייך אונטער ישוען הייסט אויך א „גרויסער בארג".

אין דער נביאות פון דניאל איז דעם שטנס אָרגאַניזאַציע סימבאָליזירט דורך א שרעקלעכע מעטאַלישע סטאַטוע, וואָס „דער שטיין", נאַרוואָס באשריבן, פאַרניכט. די מלכים און אַנדערע רעגירער פאַרייניקן זיך צוזאַמען אין קעגנערשאַפט צו גאָט און זיין קעניגרייך אונטער קריסטוסן, ווי עס שטייט אין תהלים ב:3,2: „די מלכים פון דער ערד שטעלן זיך אויף, און די הערשער באראַטן זיך צוזאַמען קעגן גאָט און זיין געזאַלבטן, זאָגנדיק: לאָמיר צערייסן זייער בונד און לאָמיר פון אונדז אראָפּוואַרפן זייערע שטריק". דאָס איז די צייט, ווען די פאַרניכטונג קומט פאָר; און די נביאה פון דניאלן, וואָס אידענטיפיצירט דעם שטיין און די קעגנערישע הערשער, באַווייזט, אַז דעם משיחס מלוכה ווערט א „גרויסער בארג" און פאַרניכט די וועלט-רעגירער; ווי עס שטייט געשריבן: „און אין די טעג פון דיזאָזיקע מלכים וועט דער גאָט פון הימל אויפשטעלן א קעניגרייך, וואָס וועט קיינמאָל ניט אונטערגיין, וועמעס הערשאַפט וועט ניט איבער־געלאָזט ווערן צו אַן אַנדער פאָלק; נייערט עס וועט אין שטיקלעך צעברעכן און פאַרלענדן אַלע דיזאָזיקע קעניגרייכן; אָבער עס אַליין וועט בלייבן אויף אייביק". (דניאל ב:44) די דאָ פאַרויסגעזאָגטע פאַרניכטונג וועט געשען אין דעם אַלמעכטיקנס מלחמה פון האַרמאַגעדאָן.

דער קלאַס פון די „גרויסע מענגע", וואָס הייסט „גע־פאַנגענע" אין די קירכן-אָרגאַניזאַציעס, מוז קריגן לעבן, אויב זיי דאַרפן עס קריגן, אַלס גייסטיקע באַשעפענישן, און זיי וועלן דינען פאַר דעם טראָן פון קריסטוסן אין הימל און זיי וועלן אָנגעהערן דורכדעם צו גאָטס אומזעבאַרער איינריכ־טונג אָדער „בארג". (אַנטפּלעקונג ז:13-15) די מענטשן פון גוטן ווילן, באַוואוסט אַלס „די יונדבס", מוזן קריגן לעבן אויף דער ערד אַלס מענטשלעכע באַשעפענישן און מוזן זוכן לעבן אין יהוהס אָרגאַניזאַציע, וואָס קומט צו זיי דורך

יעזוס קריסטוסן; און דעריבער מוזן דידאָזיקע קלאַסן זוכן און געפינען שוץ אין ביידע בערג. (רוימער ו:23) יענע, וואָס זעען איצט „די אָפשיילעכקייט פון פאַרוויסטונג", דעם טייוולס במקום פאַרן קעניגרייך, שטיין וואו עס דאַרף ניט, זיינען פון יעזוסן באַפוילן, צו אַנטלויפן אין „די בערג", ד. ה., צו גאָט און צו קריסטוסן, ווייל אין יהוהס אָרגאַניזאַציע אונטער דעם משיחן איז דאָס איינציקע אָרט פון שוץ און זיכערקייט. זיי מוזן זיך איילן, צו שטעלן זיך אינגאַנצן אויף גאָטס זייט. און פאַרוואָס? יעזוס ענטפערט: „ווייל דאַן וועלן זיין גרויסע אַנגסטן, אַזעלכע וואָס זיינען ניט געוועזן זינט דעם אָנהייב פון דער וועלט ביז היינטיקן טאָג, און וועלן אויך ניט מער זיין." (מתיא כד:21) דאָס זיינען די לעצטע צרות, און קיינמאָל ניט ווידער וועט ליידן זיך אויפהויבן. — נחום א:9.

די גרויסע צרה

די גרויסע צרה איז די שלאַכט פון האַרמאַגעדאָן. די הייליקע שריפטן ווייזן אָן, אַז דאָס פאָלגנדיקע וועט זיין דער אופן, ווי אַזוי די שלאַכט וועט אָנגיין: די אָרגאַניזאַציע פון שטן באַלאַגערט ירושלים, וואָס מיינט סימבאָליש גאָטס אָרגאַניזאַציע, ד. ה., יענע וואָס זיינען אויף דער זייט פון יהוה. דאַן טרעט יהוה אַרויס צו קעמפן פאַר זיין פאָלק, און עס איז יעזוס קריסטוס וואָס פירט די אַרמיי פון יהוה גאָט אין דעמדאָזיקן קאַמף. דער ערשטער טייל פון דער שלאַכט וועט זיך ענדיקן מיטן פאַרניכטן די בעסטיאַלע הערשאַפט אויף דער ערד; דאַן וועט נאָכפאָלגן די פאַרניכטונג פון דעם „לאַנד מגוג", וואָס מיינט די בייזע גייסטער, וואָס זיינען פאַראייניקט מיטן טייוול; און דאַן, נאָכדעם ווי דער טייוול האָט דערזען זיין איינריגטונג באַזיגט און צעפאַלן, טרעפט אים זיין אייגענער שיקזאַל; ווי עס שטייט געשריבן: „יעזוס קריסטוס כאַפּט־אָן דעם דראַכן, ד. ה., יענע אַלטע שלאַנג, וואָס איז דער טייוול און שטן, און בינדט זי מיט אַ קייט און וואַרפט זי אַריין אין דעם טיפסטן אָפּגרונד." דידאָזיקע זאַך איז דערקלערט אויספירלעך אין דעם בוך

„צוגרייט“, וועלכן יעדער איינער, וואָס האָט ליב גאָט, דאַרף אויפמערקזאַם שטודירן, צוזאַמען מיט דער ביבל.

די ווערטער פון יעזוס קריסטוס, נעמלעך, „זאָלן יענע, וואָס זיינען אין יהודה, אַנטלויפן אין די בערג“, באַציען זיך ניט צו יהוהס עדות, דעם געזאַלבטן רעשט, צוליב דער אורזאַך, וואָס דיזאָזיקע זיינען שוין פולשטענדיק אָפּגעטיילט פון שטנס איינריכטונג. די פאַרפליכטונג איז אַרויפגעלייגט אויף דעם רעשט, אַוועקצוגיין און אייפערדיק צו פּריידיקן די גוטע בשורה בנוגע דעם משיחס קעניגרייך און וואָרענען יענע, וואָס האָבן אַן אויער צו הערן. שטן און זיינע פאַרטרעטער אויף דער ערד שטעלן זיך ביטער קעגן יהוהס עדות, צוליב דעם וואָס זיי פאַרשפּרייטן דעם אמת, און פאַר קיין שום אַנדער אורזאַך. ניט קוקנדיק אויף אַלע קעגנערשאַפטן, און איינשטעלנדיק אַפילו זייערע לעבנס, מוזן יהוהס עדות פאָרזעצן, צו דערציילן דעם אמת. יעדער איינער, וואָס האָט אַן אמתן פאַרלאַנג, צו זיין אויף דער זייט פון יהוה גאָט, מוז איצט באַצייכענען זיין אָבזיכט, דורך שטעלן זיך אויף דער זייט פון גאָטס אָרגאַניזאַציע. מיט דעמדאָזיקן וויסן אָדער דערדאָזיקער אינפאָרמאַציע פאַרזאָרגט דער האַר יעדן איינעם, וואָס פאַרלאַנגט הילף אין אַנטשיידן, אויף וואָס פאַרא דרך זיך פאַרנעמען, ווייל איצט איז די צייט פאַרן פאַנאַנדערשייד פון די מענטשן. (מתיא כה:31-46) דעריבער, אויב איר זעט אָדער דערבליקט, אַז דער טייוול האָט פאַרורזאַכט זיין דריידל, די פעלקער-ליגע, אויפצושטיין אינם אָרט פון גאָטס משיחיש קעניגרייך, דאַן לאָזט אייך וואָרענען, אַז איר זאָלט אַנטלויפן צו יהוהס אָרגאַניזאַציע, און אַז איר זאָלט עס טאָן אומגעזאַמט.

אין קורצן האָט איר דאָס פאָלגנדיקע בילד: יעזוס קריסטוס, דער גערעכטער הערשער פון דער וועלט, שיקט אַרויס די בשורה פון וואָרנונג; ער באַפעלט זיינע געטרייע עדות אויף דער ערד, צו דערקלערן דידאָזיקע בשורה, כדי זי זאָל ווערן באַקאַנט צו די געפאַנגענע, וואָס זיינען אין די קירכן-אָרגאַניזאַציעס, און צו די יונדבס, וואָס זיינען די מענטשן פון גוטן ווילן אויף דער ערד דרויסן פון די קירכן-

אָרגאַניזאַציעס; די אָפּשיילעכקייט וואָס ברענגט פאַרוויסטונג איז די פעלקער־ליגע, ווייל זי איז דאָס, וואָס איז אַרויסגע־בראכט געוואָרן פונם שטן און געמאַכט געוואָרן, אויפצו־שטיין אין דעם אָרט פון און אָנשטאָט גאָטס קעניגרייך אונ־טער דעם משיחן; די קעגנוואַרט באַצייכנט די צייט, ווען יענע, וואָס גאַרן צו זען דאָס קעניגרייך פון גאָט און לעבן אונטער אים, מוזן הערן די בשורה פון וואָרנונג און אַנט־לויפן צו דעמדאָזיקן קעניגרייך אַלס צו דעם איינציקן פּלאַץ פון שוץ. דעריבער זאָגט ישוע: „אַנטלויפט איצט!"; און טוענדיק אַזוי אַנטלויפט איר מיט אייער לעבן. אויב איר באַווייזט איצט אייער געטריישאַפט צו גאָט און זיין קעניג־רייך, וועט איר לעבן און האָבן אַ טייל אין דעם רעכטפאַרטיקן דעם הייליקן נאָמען פון יהוה.

דאָסדאָזיקע ביכל

איז איינס פון דער פאָלגנדיקער רשימה

אין אידיש (און אין אַ סך אַנדערע שפּראַכן):

דאָס קעניגרייך, די האָפענונג פון דער וועלט

אין אַ סך שפּראַכן (נאָך ניט אין אידיש):

צוריק-אויפבוי פון דער וועלט
צעטיילן די מענטשן
דער אַנטלויף צום קעניגרייך
דער קריזיס
אומטאָלעראַנץ
אורזאַך פון טויט
וואו זיינען די טויטע?
יענע וועלט
הינטערן קבר
הימל און פּרוזדור
ווער איז גאָט?
וואָס איז אמת?
זיינע ווערק
גוטע בשורות
מלאָכים
די שליסלען פון הימל
וואָס איר דאַרפט
געזונט און לעבן
היים און גליק
פרייהייט
די לעצטע מלחמה

דידאָזיקע אַלע ביכלעך זיינען אין שיינע הילעס, און אילוסטרירט אין קאָלירן; איטלעכס ביכל האָט 64 זייטן, צעטיילט אין פינף אָדער זיבן באַזונדערע אָפּהאַנדלונגען, וואָס פאַרענטפערן בקיצור פראַגעס פון דער ביבל, וואָס זיינען ביז איצט געווען די פארפלאָנטערטסטע פאַר יעדן איינעם. איטלעכס פון דידאָזיקע ביכלעך קאָן מען קריגן פאַר 5 סענט. אויב איר קלייבט אויס 6 ביכלעך, קאָנט איר זיי קריגן פאַר 25 סענט; אָדער 13 ביכלעך פאַר 50 סענט. שיקט אַ פּאָסט-געלט-אָנווייזונג אָדער מאַרקעס; דאָס ביכל וועט ארויסגעשיקט ווערן, אָן עקסטרא-פּאָסט-קאָסטן צו יעדן אַדרעס, אומעטום.

THE WATCH TOWER
117 Adams St., Brooklyn, New York, U. S. A.

זייט אַזוי גוט און שרייבט צו אונדזער אָפּטיילונג-קאַנטאָר פון אייער לאַנד וועגן די קאָסטן פון אונדזער ליטעראַטור אין אייער לאַנד.

רעכטפאַרטיקונג

אַ וואונדערבאַרע דערקלערונג פון גאָטס נבואה, ווערט געגעבן דורך זיין נביא יחזקאל, אַנטפּלעקנדיק דאָס, וואָס מוז געשען איינגיכן.

אַ פייערלאַכע וואָרנונג דער „קריסטלאַכער" וועלט, אירע הערשער און פירער און דער גאַנצער וועלט, זאָגט אָן גאָטס שוין אָנגעצייכנטן משפט איבער אַלע, וואָס האָבן דעם נאָמען פונם אויבערשטן געשענדעט.

זי מאַכט באַקאַנט וועגן דער גרויסער צרה, וואָס וועט תכף באַפאַלן די וועלט, און ווי אַזוי מען קאָן ווערן אויסגעהיט און באַשיצט און ווי אַזוי מען קאָן ווערן דורכגעפירט אומבאַשעדיקט דורך דערדאָזיקער גרויסער נויט.

זי דערקלערט, ווען און אויף וואָס פאַראַ אופן יהוה גאָט וועט באַווייזן, ריינוואַשן און רעכטפאַרטיקן זיין וואָרט און זיין הייליקן נאָמען, אויפריכטן און בענטשן זיין געהאָרכזאַמען באַשאַף און פאַרוואַנדלען די וועלט אין אַן אָרט פון אייביקן שלום און אייביקער פרייד. יעדער אינטעליגענטער מענטש דאַרף קענען דעם אינהאַלט פון דעמדאָזיקן בוך. עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ענגליש, דייטש און אַנדערע שפּראַכן; איינגעבונדן, 352 זייטן, פּאָרטאָ פריי, ענגלישע אויסגאַבע 30 סענט, דייטשישע אויסגאַבע 35 סענט.

The Watch Tower, 117 Adams St., Brooklyn, N. Y.

די בשורה פון גאָטס קעניגרייך אויף דער ערד

איז די וויכטיקסטע און דערקוויקנדיקסטע דערקענטניש, וואָס וועלכער ניט איז מענטש קאָן באַזיצן.

זי איז די וויכטיקסטע, ווייל זי איז אַ דירעקטע שליחות פון דעם גרויסן באַשאַפער, און אַנטפּלעקט זיין באַשלוס וועגן דער מענטשהייט, און דאָס איז דאָך פאַר יעדן מענטש אַ פראַגע פון לעבן אָדער טויט.

דערקוויקנדיק איז די בשורה, ווייל זי דערקלערט אויספירלאַך גאָטס באַשלוס אויסצוראָטן פון דער ערד אַלע זינד, אַלע זאָרגן, אַלע קראַנקהייטן, אַלע אונטערדריקונגען און דעם טויט; און צו געבן יעטוועדן, וואָס פאָלגט גאָט, געזונט, גליק, וואוילשטאַנד און אייביק לעבן אויף דער ערד.

פאַרוואָס זאָלט איר פאַרשווענדן אייער צייט מיט דער נישטיקער, אייטלער פילאָסאָפיע פון מענטשן אָדער מיט דעם קינדישן פּלאַפּלען פון די וועלטלאַכע חכמים, וועמעס חכמה איז נאַרישקייט ביי גאָט, אַז איר קאָנט געפינען אין ריכטער ראָטערפאָרדס 14 ביכער אַ קלאָרע און אַ פולשטענדיק איבערציינגנדיקע דערקלערונג וועגן גאָטס כונה, אַזוי ווי עס איז פאַרצייכנט אין דער ביבל?

ריכטער ראָטערפאָרדס ביכער

די האַרף פון גאָט, באַפרייאונג, באַשאַף, דאָס שלום-מאַכן, רעגירונג, נבואה, ליכט (אין צוויי בענד), רעכטפאַרטיקונג (אין דריי בענד) באַוואָרנונג, צוגרייט און יהוה האָבן אין אַ קורצער צייט דערגרייכט דעם דערשטוינענדיקן פאַרשפּרייט פון איבער 178 מיליאָן עקזעמפלאַרן.

דידאָזיקע ביכער וועמענס אויסזען ווערט געגעבן אויף דער הילע פונם איצטיקן ביכל, קאָסטן, אַלע 14 צוזאַמען (פּאָרטאָ פריי) $3.50 אין רער ענגלישער שפּראַך, און $4.70 אין דער דייטשישער שפּראַך און אין אַנדערע שפּראַכן.

The Watch Tower, 117 Adams St., Brooklyn, N. Y.

The Headquarters of the

WATCH TOWER BIBLE & TRACT SOCIETY

and the International Bible Students Association
are located at
117 Adams Street, Brooklyn, N. Y.

Address of the Society's branches in other countries:

Argentina,	Calle Cramer 4555,	**Buenos Aires**
Australia,	7 Beresford Rd.,	**Strathfield, N.S.W.**
Austria,	Halbgasse 26,	**Vienna VII**
Belgium,	66 Rue de l'Intendant,	**Brussels**
Brazil,	Av. Celso Garcia 951,	**Sao Paulo**
British Guiana,	Box 107,	**Georgetown, Demerara**
Canada,	40 IrwinAve.,	**Toronto 5, Ont.**
Chile,	Avda. Buenos Aires 80, (Blanqueado)	**Santiago**
China,	Box 1903,	**Shanghai**
Czechoslovakia,	Tylova ul. 16,	**Praha-Smichov**
Denmark,	Sondre Fasanvej 56,	**Copenhagen**
England,	34 Craven Terrace,	**London, W. 2**
Estonia,	Suur Tartu - Maantee 72-3,	**Tallinn**
Finland,	Vainamoisenkatu 27,	**Helsinki**
France,	129 Faubourg Poissonniere,	**Paris IX**
Germany,	Fuchsberg 4/5,	**Magdeburg**
Greece,	Lombardou 44,	**Athens**
Hawaii,	Box 681,	**Honolulu**
Holland,	Camplaan 28,	**Heemstede**
India,	40 Colaba Rd.,	**Bombay 5**
Jamaica, B.W.I.,	151 King St.,	**Kingston**
Japan,	58 Ogikubo, 4-Chome,	**Suginamiku, Tokyo**
Java,	Post Box 59,	**Batavia Centrum**
Korea,	1-129 Sedaimon-Cho,	**Seoul**
Latvia,	Cesu Iela 11 Dz. 25,	**Riga**
Lithuania,	Aukštaičių g-ve 8, b. 1,	**Kaunas**
Mexico,	Calzada de Melchor Ocampo 71,	**Mexico, D.F.**
New Zealand,	Box 252,	**Wellington**
Norway,	Inkognitogaten 28, b.,	**Oslo**
Philippine Islands,	1132 Rizal Ave.,	**Santa Cruz, Manila**
Poland,	Rzgowska ul. 24,	**Lodz**
Rumania,	Str. Crisana No. 33,	**Bucuresti 2**
South Africa,	Boston House,	**Cape Town**
Spain,	Calle de Cadarso 11,	**Madrid**
Straits Settlements,	Post Box 566,	**Singapore**
Sweden,	Luntmakaregatan 94,	**Stockholm**
Switzerland,	Allmendstrasse 39,	**Berne**
Trinidad, B.W.I.,	Box 194,	**Port of Spain**
West Africa,	71 Broad St.,	**Lagos, Nigeria**
Yugoslavia,	Visegradska ul. 15,	**Beograd**

Please write direct to the Watch Tower Bible & Tract Society at the above addresses for terms on our literature in those countries. Some of our publications are printed in 60 languages.